№ 51 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשן • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellouska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדן פרייטאָג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאָן 291.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.

Piątek d. 15 grudnia 1933 — 3-1 ליבט-צינדן — פרייטאָג, פ׳ מקץ כ״ח כסלו תרצ״ד.

פוילישער יוד, ערפיל דייַן חוב פאַר דיינע אומגליקליכע ברידער פון דייטשלאַנד!

השתתפותנו החמה מובעת בזה לחבר ועד הקהלה בעירנו, מר **אברהם אלעזר שנפלד**
ביגונו הכבד למות עליו אמו
נ״ע **לאה**
בעבודתו הצבורית ינוחם.
ועד ומועצת הקהלה העברית
בצ׳נסטחוב.

Staraniem Samopomocy Uczniowskiej
przy Gimnazjum Tow. Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych
w Częstochowie, odbędzie się
dnia 18 grudnia w sali kino-teatru „Luna"
o godz. 9-ej wieczór
DOROCZNY WIECZÓR CHANUKOWY
z bogatym programem dramatyczno-wokalnym.
Bilety do nabycia w kancelarji gimnazjum Dąbrowskiego 7.

ב״ע **מרים** פון דערהיים גענעסלאַוו **רוזשעוויטש**
איז געשטאָרבן נאָך לאַנגע און שווערע ליידן אין בליהענדען עלטער פון 39 יאָהר.
די לויה קומט פאָר היינט, פרייטאָג, ד. 15 דעצעמבער (כ״ז כסלו תרצ״ד) פון דער וואוינונג ב. יאַסעלעוויטשאַ 6.
וועגען וואס ס׳זענען מודיע די אין טיפען צער פערבליבענע
מאַן, זוהן, שוועסטערן, ברודער און פאַמיליע.

פייגל וייספאַן — **יצחק סאמסאָנאָוויץ**
זבירצ׳ה — צינסטחוב
מאורשים.
בחודש כסלו תרצ״ד.

מזל טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער ליעבען פריינד ה׳ **יצחק סאַמסאָנאָוויטש** צו זיין תנאים מיט מרל. **פייגיל זייפמאַן** פון זאַוויערטשע. זאָל זייער לעבענס וועג זיין א גליקליכער און צופרידענער.
זיסמאַן קרויזע, פרוי און פאַמיליע.

ידידני אהובנו מר **יצחק** נ״י **סאמסאָנאָוויטש!**
קבל נא בזה ברכתנו ברכת מז״ט, הנובעת מעמקי הלבא לרגל בואך בברית האירוסין
תהי דרכך סוגה בשושנים
מרדכי בארזיקאָווסקי, משה קימעלמאַן.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינד ה׳ **יצחק סאַמסאָנאָוויטש** מיט מרל. **פעלאַ זייפמאַן** פון זאַוויערטשע ווינשען א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט.
ה. קליינמאַן און פאַמיליע.

א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר דער **פאַמיליע יאַקובאָוויטש** צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **טאַניאַ** מיט ה׳ **ישראל גערמאַן.**
דעם יונגען פאָר — א בליהענדע צוקונפט.
סאַלאַ פרעפעליצקא און שמעון יאַקובאָוויטש.

א הארציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזערע פריינד ה׳ **לייביש פרידריך** און פרוי צו דער חתונה פון זייער ליעבע טאָכטער **בייטשע** מיט ה׳ **בערנאַרד קאָהן** פון לאָדז.
דעם יונגען פאָר — א בליהענדע צוקונפט.
יצחק טרעמבאַצקי, פרוי און זוהן
דוד טרעמבאַצקי און פרוי סאָסנאָוויץ.

Z intencji ślubu naszych przyjaciół
p. POLI MORDKOWICZ z p HERMANEM JAWORSKIM
życzymy Im wiele szczęścia i zadowolenia na nowej drodze życia.
D. GRANEK i M. ŚLIWKA.

זונטאג, 6 א זייגער אוועגד צום 6 ליכטעל אין שטאָדט-שוהל
וועט פאָרקומען א **חנוכה קאָנצערט** מיט דער באַטייליגונג
פון בעריהמטען שטאָדט-חזן **יוסף באַראַש** און מיט א פערגרעסערטען **כאָר** אונטער דער לייטונג פון בעריהמטען דיריגענט **גרשון ראָטענבערג.**
פראָגראַם:
מה טבו—חזן, כאָר, הדלקת נרות של חנוכה—חזן, כאָר, הנרות הללו—כאָר, מעוז צור ישועתי—כאָר, אלו דברים—חזן, מזמור שיר חנכת—כאָר, עקביה בן מהללאל—חזן, מן המצר—כאָר, שיבנה בית המקדש—באַראַש, הללויה—כאָר.

הנני מביע את רגשי השתתפותי החמה בצערו העמוק של ידידי היקר, מר **אברהם אלעזר שנפלד** למות עליו אמו
לאה ז״ל
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
אינז. מרדכי פייגין.

אנו מביעים בזה את השתתפותנו בצערו של חברנו של איגוד הציונים המדינתיים מ׳ **מיכאל רוזיביץ** על מות אשתו בדמי עלומיה
מרים ז״ל
בעבודתו לטובת רעיוננו ינוחם.
ועד של איגוד הציונים המדינתיים

קבל, חבר יקר, מר **מיכאל רוז׳ביץ** את רגשי השתתפותי החמה בצערך העמוק לרגלי מות עליך רעיתך היקרה
מרים ז״ל
בעבודתך הפוריה לטובת אידאלנו תמצא נחומים.
אליהו איצקוביץ.

הנני מביע את רגשי השתתפותי החמה בצערו העמוק של חברי, מר **מיכאל רוז׳ביץ** במות עליו רעיתו היקרה
מרים ז״ל
מאת השוכן בציון ינוחם.
אינז׳ מרדכי פייגין.

לחבר הועד של „איגוד הציונים המדינתיים" מר **מיכאל רוז׳ביץ** הנני מביע את השתתפותי החמה, למות עליו אשתו
מרים ז״ל
בהתגשמות שאיפותינו תנוחם ולא תוסיף לדאבה עוד.
אינז. אברהם אורלינסקי.

הנני מביע את רגשי השתתפותי בצערו של חברי, מר **מיכאל רוז׳ביץ** בהלקח מעליו רעיתו היקרה
מרים ז״ל
בעבודתך לטובת שאפותינו תנוחם.
מאַג. אפרים פרטמן.

הנני מביע את רגשי השתתפותי בצערו של חברי, מר **מיכאל רוז׳ביץ** בהלקח מעליו רעיתו היקרה
מרים ז״ל
בעבודתך לטובת תנועתנו תנוחם.
יצחק ורשאואר.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואלטונגס-מיטגליעד ה׳ **מיכאל רוזשעוויטש** צום פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי
מרים נ״ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים, דאָס קאָמיטעט און מתפללים
פון דער **שוהל „אהל יעקב"**, אלעע 4.

Z powodu śmierci
p. RUZIEWICZOWEJ
MATKI NASZEGO KOLEGI
wyrazy szczerego współczucia składają
Wychowawca, koleżanki i koledzy kl. IV Gimn. D-ra Axera.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד **מיכאל רוזשעוויטש** און **זוהן** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער פרוי און מוטער
נ״ע **מרים**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
אייזיק אבראַמאָוויטש און פרוי.

ערשיטערט פון פריהצייטיגען טויט פון
מרים רוזשעוויטש נ״ע
דריקען מיר אויס אונזער הארציגען פריינד **מיכאל רוזשעוויטש** דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
זיסער לאַנגנער און פרוי.

מיט טיעפען וועהטאָג און אונבעשרייבליכען צער שטעהען מיר מיט געבויגענע קעפ ביים פרישען קבר פון אונזער הארציגער פריינדין
מאַניא רוזשעוויטש נ״ע
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אונזער פריינד **מיכאל רוזשעוויטש** און **זוהן.**
העלאַ און שמואל פראַנק.

כוס תנחומים.
נרעשים ונדהמים עד היסוד ועטופי-אבל כבד לרגלי האסון הנורא, שקרה לידידנו היקר מר **מיכאל רוזיביץ** במות עליו אשתו, חברתנו החביבה
מרים ז״ל
הננו מביעים לו את רגשי השתתפותנו החמה בצערו העמוק.
בעבודתו הפוריה לטובת ארצנו ועמנו ינוחם.
מרדכי בסרגליק ורעיתו

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד
יחיאל מאיר גאָטפריד צום טויט פון זיין ליבע מוטער
נ״ע דבורה
בתוך שאר אבלי ציון ינוחם.
יצחק וואַרמונט און פרוי
משה טענענבוים און פרוי

דעם ג. ה. **יחיאל מאיר גאָטפריד** צום טויט פון זיין מוטער
נ״ע דבורה
דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
דאס פערסאָנאַל פון דער פירמע **„לאָס"**
נ. ליבערמאַן און ווינדהיים.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה׳ **מיכאל רוזשעוויטש** און **פאַמיליע** צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין
פרוי **מרים** נ״ע
אין זיין וויטערדיגער ארבייט לטובת דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג זאָל ער א טרייסט געפונען.
יחזקאל בערקאָוויטש, הירש׳ל פרידמאַן, יחזקאל אָפמאַן.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. **K. Kosteckiego**
w lokalu własnym **Waszyngtona 6,**
przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna
שבת 16 ד. ח. 8 אָוונט פראַקטישע לעקציע
פאַר יודישע געזעלשאַפט און אויך יעדן שבת 8 אָוונט. לעצטע מוזיק-שלאַגערס. ביליגע פרייזן.

משה אש.

די פלוגתא צווישען בית=שמאי און בית=הלל...

(חנוכה-געדאַנקען).

„בית-שמאי אומרים: ביום הראשון מדליק שמונה, מכאן ואילך פוחת והולך. בית הלל אומרים: יום ראשון מדליק אחת, מכאן ואילך מוסיף והולך" [illegible]"א).

[illegible]מאָליגע צוויי גרעסטע ישיבות: [illegible]מאי און בית-הלל האָבען גע- [illegible] צווישען זיך א מחלוקה: ווי- אַזוי אָנצוצינדען די חנוכה-ליכטלעך. ב"ש האָבען געזאָגט, אַז דעם ערש- טען טאָג דאַרפען ברענען אַלע אַכט; פון דאַן אָן און ווייטער — יעדען טאָג מיט איינס ווייניגער. דאַגעגען האַלטען ב"ה, אַז מען דאַרף אָנהויבען פון איינס, און יעדען טאָג א ליכטעל מעהר, ביז עס וועלען ברענען אַלע אַכט ליכט.

אין וואָס אייגענטליך בעשטעהען די דאָזיגע חלוקי-דעות צווישען די אויבענדערמאנטע צוויי ישיבות: איז דען אַנ'אונטערשיעד, ווי-אַזוי די ליכט- לעך וועלען ברענען — פון איינס ביז אַכט אָדער פערקעהרט?

דעם מאמר אָבער מוז מען אַנדערש פערשטעהען.

די תלמידים פון „בית-שמאי" האָ- בען זיך געהאַלטען אין די ראהמען פון זייער רבי'ן שמאי, וועלכער איז אין תלמוד בעקאַנט אַלס קפדן, האַל- טענדיג זיך שטענדיג אין די דינים און מנהגים און נישט וועלענדיג אָב- טרעטען אפילו פון א קוצו של יוד, ווי מיר זעהען אויף א צווייט אָרט, ביי דער פראַגע: „כיצד מרקדין לפני הכלה?" (כתובות ט"ז), ווי-אַזוי דאַרף מען זיך אַרויסזאָגען וועגען א כלה אין געגענוואַרט פון איהר חתן?

זאָגען די תלמידים פון בית-הלל (וועלכע האָבען געי'רש'נט פון זייער רבי'ן הלל זיינע מדות טובות און גוטהאַרציגקייט): כלה נאה וחסודה — וואָס פאַר א פעהלער זי זאָל נישט בעזיצען, איז מען מחויב, צוליב שלום- בית, צו זאָגען, אַז זי אַ גוטע און פרומע, ווען עס שטימט זאָגאַר נישט אײנגאַנצען מיט דער ווירקליכקייט.

דאַגעגען זאָגען בית שמאי: „כלה כמות שהיא" — אויב זי איז א שלעכ- טע, אַ קאַליקע, אָדער האָט אַנדערע חסרונות, טאָר מען עס נישט פערהוי- לען, נור אַרויסזאָגען דעם גאַנצען אמת, ווען עס קען אפילו גורם זיין א שטערונג אינ'ם שלום-בית, ווארום די תורה זאָגט: „מדבר-שקר תרחק" — פון ליגען-זאָגען זאָלסטו דיך דערוויי- טערען, און אויב די תורה בעפעהלט אַזוי, געהט עס נישט צו ענדערען.

דאַריבער:

ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט' ווי- אַזוי עס דאַרף געפייערט ווערען דאָס אָנצינדען די ליכטלעך צום אָנדענקען פון די חשמונאים, וועלכע האָבען פער- טריבען די גריכען פונ'ם יודישען לאַנד, האָט בית-שמאי געזאָגט, אַז די פייערונג מוז פאָרקומען, אַזוי ווי דער סדר-העולם איז.

דער סדר-העולם איז, אַז בעת עס טרעפט אַנ'אונגעוועהנליך געשעהעניש, צום גוטען אָדער צום שלעכטען, ווע- רען אַלע די ערשטע צייט שטאַרק בעגייסטערט, אַזוי אַז עס צופלאַקערט זיך אַנ'אונגעהויערער ענטוזיאַזם ביי אַלע מענשען, און יעדער געפונט זיך פערפליכטעט צו בעטייליגען זיך אין דער שמחה, אָדער צו ערפולען זיין חוב.

מיט דער צייט אָבער ווערט די בעגייסטערונג וואָס אַמאָל שוואַכער און קיהלער, ביז זי ווערט פולשטענ- דיג אויסגעלאָשען.

* *

אַט אַזאַ עהנליכער פאַל קומט אויך איצט פאָר אין יודישען וועלטיל. בעת היטלער איז מיט א קורצער צייט צו- ריק געקומען צו דער מאַכט, אָנהוי- בענדיג צו רודפ'ן די דייטשע יודען, האָבען זיך אחב"י אין דער גאַנצער וועלט פעראייניגט, כדי צו העלפען זייערע פערפאָלגטע ברידער. אומע- טום, וואו עס קלאַפט נור א יודיש האַרץ, זענען געגרינדעט געוואָרען קאָמיטעטען, וועלכע האָבען געזאַמעלט גרעסערע סומען געלטער פאַר די היט- לער - קרבנות. עס זענען באַיקאָטירט געוואָרען כמעט אַלע דייטשע סחורות, אום צו צווינגען דעם רשע היטלער ימ"ש אָבצושטעלען די רדיפות. מיט דער צייט אָבער איז די התלהבות שוואַכער געוואָרען, די נדבות האָבען זיך אָבגעשטעלט, עס ערלויבען זיך שוין פיעל יורישע סוחרים צו ברענגען דייטשע סחורות, טראַצדעם, וואָס די יו- דישע לאַגע האָט זיך נישט נאָר נישט פערבעסערט, נור פיעלפאַך פערערגערט, און עס דראָהט אַ סכנה, אַז די גאַנצע געגען-אַקציע זאָל נישט אָדורכפאַלען.

דערמיט—קען מען זאָגען—לאָזט זיך ערקלערען די כוונה פון בית-שמאי.

באַלד דעם ערשטען טאָג, ווען אַלע זענען בעגייסטערט פון דעם נס-חנוכה, דאַרף דער גאַנצער ענטוזיאַזם קומען צום אויסדרוק אינ'ם אָנצינדען אַלע אַכט ליכטלעך. שפעטער, מיט יעדען טאָג אַ ליכטעל ווייניגער, ענטשפרע- כענד צו דער אָבשוואַכונג פון דער שמחה—ביז'ן לעצטען ליכטעל.

בית-הלל אָבער זאָגען: ניין! אַזאַ וויכטיג-היסטאָריש געשעהעניש, ווי, גאולת-הארץ, דאָס בעפרייען דאָס יו- דישע לאַנד פון פרעמדע הענד, טאָר נישט ווערען גרינגגעשעצט, ווי געוועהנ- ליכע סתם - וועלטליכע ענינים. די התלהבות טאָר נישט ווערען קלענער און שוואַכער, נור וואָס אַמאָל שטאַר- קער און גרעסער. איינציגווייז מוזען זיך די ליכטלעך פון ישוב-הארץ אָנ- צינדען, ביז דער פלאַמפייערדיגער ענ- טוזיאַזם וועט אַלע יודען אַרומנעהמען.

און אַזוי נעהט דער ענטוויקלונגס- פראָצעס אין די לעצטע דורות.

בעת די יודישע הערצער און גע- מיטער זענען בעהערשט געוואָרען פון א געוואַלדיגען יאוש, צוליב די רדיפות געגען יודען אין פערשידענע לענדער, זענען אַרויסגעטרעטען די גרעסטע רבנים, אָנהויבענדיג פון ר' אליהו גריידיצער, ר' הירש קאַלישער און ענ- דיגענדיג ביי ר' שמואל מאָהליווער, און געשאַפען די „חבת-ציון"-בעוועגונג, בעזעצענדיג יודישע אַרבייטער אין ארץ-ישראל, וועלכע האָבען געגרינדעט דאָרט די ערשטע קאָלאָניע פתח-תקוה.

אַט דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליכטעל פון די לעצטע דורות.

מיט עטליכע יאָהר שפעטער, בעת אַלעקסאַנדער דער 3-טער איז געקומען אין די 80-גער יאָהרען צו דער מאַכט און דורך זיין אַנטיסעמיטישען בעל- יועץ איגנאַטיעוו אָרגאַניזירט פאָגראָ- מען אין רוסלאַנד אויף יודען, האָבען די כאַרקאָווער און יעליזאַוועטגראַדער סטודענטען פערלאָזט זייערע אוניווער- זיטעטס-בענק, געוואָרפען אין דער יודישער גאַס די לאָזונג: „בית-ישראל לכו ונלכה" (בילויים), געפאָהרען קיין ארץ-ישראל, געשטעלט זיך צו דער שווארצער אַרבייט—און ווידער געגרינ- דעט עטליכע קאָלאָניעס.

דאָס איז געווען דאָס צווייטע ליכ- טעל.

אין יאָהר 1897 האָט אויפגעשיינט אויפ'ן יודישען האָריזאָנט ד"ר הערצל און זיינע חברים, וועלכע האָבען גע- שאַפען דעם פאָליטישען ציוניזם, צו- זאַמענרופענדיג דעם ערשטען קאָנגרעס.

דאָס איז געווען דאָס דריטע ליכטעל.

זייט דעמאָלט האָבען זיך די ליכ- טלעך בהדרגה'ווייז וואָס אַמאָל מעהר פונאַנדערגעפלאַקערט. אין פערלויף פון דער צייט איז דורך כמעט אַלע מלוכות בעשטעטיגט געוואָרען די בעוואוסטע באַלפור-דעקלאַראַציע. אויך די אָרטאָ- דאָקסישע יודען האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דער בעוועגונג. עס האָבען נור געפעהלט די דייטשע אַסי- מילירטע יודען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער דייטשען היפער-פאַטריאָטיזם, נישט וועלענדיג לחלוטין אָנערקענען ארץ-ישראל אַלס זייער לאַנד. אָבער—אויך דאָס דאָזיגע ליכטעל האָט זיך אָנגעצינדען...

נאָכדעם, ווי היטלער האָט זיי אויס- געניכטערט פון זייער פאַלשען היפער- פאַטריאָטיזם, געבענדיג זיי צו פער- שטעהען, אַז נישט דייטשלאַנד איז זייער פאַטערלאַנד, האָבען זיך אַ גרוי- סע טייל דייטשע יודען בעזעצט אין ארץ-ישראל און דאָרט געפינען זייער אַלט-נייע היסטאָרישע היים.

מיט איין וואָרט: עס פלאַמען שוין אַלע אַכט ליכטלעך...

אַט דאָס איז געווען די כוונה פון בית-הלל: די ליכטלעך, וועלכע סימבאָ- ליזירען דעם נס-חנוכה (גאולת-הארץ), דאַרפען זיך אָנהויבען פון ערשטען ליכטעל, ביז עס וועלען פונאַנדער- פלאַקערען אַלע אַכט ליכטלעך אין די הערצער און נשמות פון גאַנצען יודי- שען פאָלק.

אַ סוחר קאָנטראָלירט דאָס געלד

– קאָנטראָלירט אויך די מאַרקע פון דער זשאַרובקע, וואָס דו קויפסט. נאָר די וועלט- בעריהמטע מאַרקע גיט די גאַראַנטיע פאַר אַ מינימאַלען פערברויכען שטראָם און אַ גרויסער ליכט-אויסגיביגקייט – פאָדער אַלזאָ נאָר די זשאַרובקעס מיט דער מאַרקע

TUNGSRAM

צוריקקומענדיג פון דייטשלאַנד, וואו איך האָב געוואוינט צירקאַ 19 יאָהר און צוליעב די היטלער-רדיפות נישט געקאָנט דאָרט ווייטער פערבלייבען,

האָב איך געעפענט אין טשענסטאָכאָוו, פּילסודסקי 17

א גוט-איינגעאָרדענטע

טישלער = ווערקשטעל

מיט עלעקטרישען בעטריעב,

וואו עס ווערט אויטגעאַרבייט

אַלערליי שטוב = מעבעל, בוי = אַרבייט ווי אויך געוועלב = איינריכטונגען

אַלץ ווערט אויסגעפיהרט רעיעל, געוויסענהאַפט און צו מעסיגע פרייזען.

ג. בירנבוים, פּילסודסקי 17.

„יוסף אין מצרים" אין קינאָ „לונאַ".

פון דאָנערשטאָג אָן ווערט אין קינאָ „לונאַ" געגעבען דער 100-פּראָ- צענטיג רעדענדיגער און זינגענדיגער פילם גענצליך אין דער יודישער שפראַך „יוסף אין מצרים", אין וועלכען עס שפּיעלען די גרעסטע יודישע שוישפּי- לער פון אַמעריקאַ.

וועגען דעם דאָזיגען פּרעכטיגען פילם, אין וועלכען עס נעמען אָנטייל 5000 מענשען, שרייבט דער „לאָנדאָנער פאָסט":

„יוסף אין מצרים" איז דער ערשטער גראַנדיעזער פילם אין דער יודישער שפראַך. עס איז א פילם פונ'ם לעבען פון אונזערע אבות, אַזוי ווי עס איז פאַרגעשטעלט אין דער ביבעל. יעדעס יודישע האַרץ ווערט אויפגעציטערט זעהענדיג און הערענדיג דעם דאָזיגען העכסט שפּאַנענדען פילם „יוסף אין מצרים".

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאַסע פון קינאָ „לונאַ".

(33

די לעצטע טעג פון יהודה

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. פ. שומאַכער.

(פאָרזעצונג).

שולמית האָט זיך אָנגעלעהנט אין דער וואַנד, צוגעדריקט מיט איהרע הענד דעם קאָפּ. איהר האַרץ האָט שוין נישט געקענט פערטראָגען

— איך ליעב דיך—האָט זי אויסגע- רופען מיט א שטים פון א פערוואונ- דעטען, ווי די ווייסע בלום אין א פינ- סטערען טאָל ליעבט די שטראַהלען פון דער זון, וועלכע זי וועט קיינמאָל נישט זעהען.

— און דאָך שולמית, דו זאָגסט?...

— און דאָך — האָט זי שטיל גע- זאָגט — וויל איך ליעב דיך...

סאַבינוס האָט פערוואונדערט, ער- שטוינט געקוקט אויף איהר, ער האָט זי נישט פערשטאַנען און דעריבער האָט זי זיך נאָך שרעקליכער געפיהלט. קאָן זי דען איהם דערצעהלען, וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען? קאָן זי דען ברענגען אויף די ליפּען דאָס שרעקליכע, וועלכעס זי אַליין קאָן נישט גלויבען, אַז עס איז געשעהן?

פּלוצלינג איז איהר אַ געדאַנק איינ- געפאַלען, זי מוז אַהם זאָגען וועגען דעם אומגליק. אָהן ווערטער וועט זי איהם דאָס דערצעהלען, נאָר...

זי איז אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפען צום בעט, וואו תמר איז געלעגען, אויפגעדעקט די דעק און דאָס העמד, אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף די שרע- קליכע וואונדען אויף דעם בלום...

— איך האָב שוין מעהר נישט גע- קאָנט פערטראָגען, איך האָב נישט גע- קאָנט צוזעהען די וועהטאָגען פון דעם אונשולדיגען קינד, וועלכעס האָט אַזוי פיעל געליטען דורך מיר און דאַן...

מיט א ביטערן געשריי האָט זי זיך אויפ'ן בעט געוואָרפען...

סאַבינוס האָט שוין פערשטאַנען.

אין דער מאַן, וועלכער האָט געזעהן אין רוים טויזענדער אכזריות'ן, זאָגאָר דער מאַן האָט זיך נישט געקענט איינ- האַלטען, זעהענדיג דאָס גרויזאַמע בילד און ער האָט זיך ביטער צו- וויינט. ער האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניהען, זי אומגעאַרעמט, צוגעדריקט צום האַרץ, דערנאָך האָט ער איהר קאָפּ אַרומגענומען. אין שטוב איז גע- ווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט ווי תמר האָט אונבעוואוסט געפליסטערט:

— פלאַוויאוס סאַבינוס!

די ליידען פון דעם מאַן האָבען אויך געווירקט אויף שולמית, איהר פער- שטיינערט האַרץ איז איבערגעענדערט געוואָרען און זי האָט זיך צוויינט די טרעהרען האָבען איהר שמערץ געלינ- דערט.

פּלוצלינג האָבען זיך דערהערט טריט און א מאַן איז צוגעגאַנגען צו סאַבי- נוס'ן, אַרויפגעלעגט די האַנד אויף זיין פּלייצע און שטיל געזאָגט:

— איילט אייך צו, מענשען קומען אָן!

שולמית האָט אויפגעציטערט.

— געה!—האָט זי איהם געבעטען

—נעה!

— איך וועל נישט געהן, ביידען דו וועסט מיטגעהן — האָט סאַבינוס אויסגערופען און מיטגעשלעפּט דאָס מיידעל.

— איך וועל דאָס הויז נישט פער- לאָזען, מיין לעבען איז פון איצט אָן פערבינדען מיט פראָנטאָ און קיינמאָל וועט דאָס נישט איבעררייסען ווערען, דאָס איז מיין גורל, וועלכען איך מוז טראָגען. פערשטעהסטו דאָס נישט? אויב דו האָסט מיך ווירקליך ליעב, בעט איך דיך רעטען תמר'ן, זאָל איהר סוף נישט זיין ווי מיינער, איך בעט דיך, טהו דאָס צוליעב מיר!

זי האָט תמר'ן איהם אין האַנד גע- געבען און צו דער טהיר צוגעפיהרט.

עס האָט זיך דערהערט אַ געוויש פון א געשלעג. עטיצער האָט צו-הילף גערופען.

שולמית איז בלאַס געוואָרען.

— אַט איז פראָנטאָ, מיר האָבען פערשפּעטיגט.

— מיר האָבען נאָכנישט פערשפּע- טיגט — האָט סאַבינוס מיט פרייד אויס- גערופען—ער האָט דאָס מיידעל איבער- געגעבען סילוויוס'ן און אויסגערופען:

— געה פאָראויס און איך געה נאָך דיר.

ביידע פערליבטע זענען געשטאַ- נען איינער געגען צווייטען, אָהן שום ווערטער. א שמייכעל האָט זיך אויף סאַבינוס'עס פּנים בעוויזען און ער האָט מיט א וויכער שטימע געזאָגט:

— און דו, שולמית, מיין געליעב- טע! ענטשולדיג, אויב איך פערשאַף דיר שמערצען, נאָר ווייס, אַז צוזאַמען וועלען מיר פון דאַנען אַרויס- געהן.

מיט קראַפט האָט ער זי אויף דער האַנד גענומען און אַרויסגעטראָגען.

שולמית האָט זיך נישט געריהרט, זי איז געלעגען רוהיג און געהערט ווי זיין האַרץ קלאַפּט. רוהיג איז זי געווען און א פריעדען האָט איהר נשמה בע- הערשט. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און איהם אומגעאַרעמט.

און אַרום האָבען די שווערדען גע- קלינגען.

פראָנטאָ'ס שקלאַפען האָבען דער- הערט די שטים פון זייער הער רופען צו הילף, זענען זיי אַרויסגעלאָפען מיט די שווערדען אין די הענד. ווען סאַבי- נוס איז אַרויסגעגאַנגען מיט שולמית אויף דער האַנד, האָט פראָנטאָ אָנגעה- הויבען צו שרייען:

— פאַנגט איהם, שלאָגט איהם, נאָר נישט צום טויט, א לעבעדיגען וויל איך איהם פערברענען.

סאַבינוס האָט שולמית'ן אַראָבגע- לאָזט אויף דער ערד און אַרויסגע- שלעפּט די שווערד.

עס איז אויסגעבראָכען א בלוטיגע מלחמה, איינער געגען צעהן. פּלוצים האָט פראָנטאָ אַרויסגעכאַפּט א שפּיז און זיך געוואָרפען אויף סאַבינוס, וועל- כער איז געווען אָנגעטהון אין א מאַס- קע, מיט דעם שפּיז האָט פראָנטאָ די מאַסקע אַראָבגעוואָרפען און דערזעהענ- דיג סאַבינוס'ן האָט ער זיך ווילד צו- לאַכט:

— פלאַוויאוס סאַבינוס! דו ביזט עס מיין פריינד? האָט זיך דיר פּלוצלינג פערגלוסט צו שטאַרבען ווי א שקלאַף, וואָס דו האָסט זיך גענומען רויבען? אויב איך וועל נאָר דערצעהלען דעם קייזער ווער עס איז דער פרומער און נאַאיווער סאַבינוס! דער קייזער האָט שוין לאַנג פיינד די פאַמיליע סאַבינוס און דו וועסט זיין דער ערשטער...

פראָנטאָ האָט זיין פראַזע נישט פער- ענדיגט, ווייל די שווערד פון סאַבינוס האָט זיין האַרץ פערוואונדעט און א טייך בלוט האָט זיך אויף דער ערד אויסגעגאָסען. א ווייַלע איז סאַבינוס געשטאַנען צוטומעלט, דערנאָך האָט ער אָנגעכאַפּט שולמית'ן און מיט איהר אַרויסגעגאַנגען פון הויז.

סלאַוויאוס איז געשטאַנען אין דרוי- סען און געוואַרט אויף סאַבינוס'ן, דאַן האָט סאַבינוס דערצעהלט, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— וואָס האָסטו געטהון—האָט סיל- וויאוס אויסגערופען—פראָנטאָ איז בע- ליעבט ביי נעראָן און ער וועט צופרי- דען זיין, אויב איהם וועט געלונגען זיך מיט דיר אָבצורעכנען. דערצו נאָך ביזטו רייך און נעראָן האָט שוין לאַנג געוואָרפען אַנ'אויג אויף דיין פערמע- גען און אספּסיינוס וועט דיך אויך נישט קענען רעטען, דעריבער איז מיין ראַט זאָלסט ענטלויפען.

— ענטלויפען?—האָט סאַבינוס זיך אָנגערופען—וואוהין זאָל איך לויפען?

— קיין סיריען, ווייל דער סירי- שער שטאַט - האַלטער איז געווען א פריינד פון זיין פאָטער, ער וועט דיך בעהאַלטען ביז די געשיכטע וועט פער- געסען ווערען און דאַן וועסטו צו אונז צוריקקעהרען.

סאַבינוס האָט צופרידען אויסגעהערט.

— קיין סיריען, דאָס איז דאָך דער זעלבער וועג, וואָס פיהרט קיין גליל, ווייל איך האָב דעם זעלבען וועג, וואָס שולמית!

אַזוי זענען זיי צוגעגאַנגען ביז צום טויער, וואו עס איז געשטאַנען א סאַל- דאַט פון סאַבינוס פריינד. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון טויער.

(פאָרטז. קומט).

פ. בלומענקראנץ.

אלץ צוליב קארטען.

(קליינע מעשה׳לעך מיט א „מוסר־השכל").

1.

יונגעלייט.

אנ׳אוועגד פון א גאנץ יאהר. (דער דערצעהלער האט גראד בעקומען „השק" איבערצוגעבען עס חנוכה צייט) וועלכע יונגע מענשען זיצען אין א פארריכערטער שטוב און שרייען, געוואלטעווען, שפארען זיך און קלאפען אין טיש.

אמאל וואלט מען געקענט צוקומען לכתחלה צו איינע פון די צוויי מסקנות: אדער מ׳שפארט זיך אין לערנען, מ׳איז זיך מתנח בהלכה, מ׳קען נישט אדורכקומען ביי א שווערען רמב״ם, אדער א רעוואלוציאנעריש קרייזעל האט זיך פערזאמעלט און מ׳דיסקוטירט וועגען בערנשטיינ׳ס רעוויזיאניזם, וועגען צופאסען דעם מארקסישטישען קוק צו געוויסע ערשיינונגען וכדומה.

דאס איז, פערשטעהט זיך געווען אמאל. היינט הערט איהר זיך צו צו אזא מין שמועס:

— טאסיר נישט אזוי לאנג, ס׳איז נישט קיין מילך, זיי ווילען נישט אבערנען (דאס יאגט צו א בית המדרש בחור, א הריף, וועלכער האלט פון זריז ונשכר.)

— ביי אזעלכע ריזיגע קארטען פארשטעט, יאלד איינער! (דעם אויסרוף מאכט א צווייטער, וועלכער איז א גרויסער בקי אין הלכות קארטען, דער ארי שבחבורה).

דאס התלהבות ווערט ווארס אמאל גרעסער, מ׳ווערט אינגאנצען אויסגעטהון פון די עולמות. מ׳הערט נור איינציגע זאצען; א שאד א ווארט:

— דו חכם, האסט פערגעסען, אז רויט איז טריא ומף?

— ליג איינגעליגט מיט דיינע חכמות, אויך מיר א קארטען־שפילער!

— פון ווען אן ביסטו געווארען אזא ספעציאליסט?

— ניע קלוטשטשע שיען, באושע קאכאני — מישט זיך שוין דאמאלס אריין א מיזיעל מיט א בלאס, צושטארק אנגעפאדערט נעזעל, וועלכע איז שטענדיג די רוף־שלום־ניצע — ניע באזשעטשע שפאקאיניע גראטש?

זיי בערוהיגען זיך. שפילען ווייטער, פערגעסען וועגען אלעם. זיי זענען זיך מצמצם צו איינצעלנע ווערטער:

— טריאומף!

— דריי שעל, פיער אייכעל.

— קאנטרא.

— רע.

דער בית המדרש בחור ארבייט מעשים ווי ביי א שווארצען מהר״שא. ער שארט צו זיי פאר גילדען בהחילא ורמ״א. דער צווייטער קוקט אויף איהם מיט כעס, און שטעלט זיך פלוצים אויף!

— איך וועל נישט שפילען מיט דיר, דו חסידישער בר־גש, דו קוקסט אונטער!

— איך קוק אונטער? דו זאגסט דאס בהן־צדק?

— איך וועל מיט קיין שווינדלער נישט שפילען.

— כ׳האב דיך וואו די יודען האבען גערוהט!

— און איך האב דיך אין ד׳ערד!

הכלל יעלות, געוואלדען, קללות און דאס געפודערטע נעזל קוויטשעט:

— ניע בענדע וויענצעי ז׳וואמי גראטש אי באסטא!...

דער בחור האט פערקנייטשט דעם שטערען, א שאקעל אין דער ברייט מיט קאפ און „צוגעווארפען":

— מיט אנ׳עם הארץ קען מען קארטען אויך נישט שפילען!

2.

צוויי ווייבלעך.

אזעלכע פרויען ווי די פרוי באלבינא ראזענזאפט אדער צעשא צימבערקנאפף האבען קיינמאל נישט געארבייט. זייער שטרעבונג איז געווען נישט צו פערנעמען זיך מיט וואכענדיגע ענינים, נור פלעגען דאס „אייביג ווייבליכע".

אמאל אין די גוטע צייטען האט אזא פרוי באלבינא געלייענט מאפאסאנען, געוויינט אויפ׳ן גורל פון יונגען ווערטער, געקוויקט זיך מיט דער בונטארישער נאטור פון מאדאם באווארי און מיטגעפיהלט מיט הוגא׳ס אונגליקליכע העלדען. זי פלעגט זיצען אין די בין־השמשות׳ן, לייענען א פראנצויזישען ראמאן און זיפצען. דער זיפץ האט געקענט בעדייטען בענקשאפט נאך פאעזיע, נאך שטורמישקייט, נאך א קאסאנאווא.

היינט איז די פרוי באלבינא נישט אזוי פאעטיש געשטימט: דאס איז פערפלעטערט. אוועם, ארבייטען דארף קיין פרוי נישט, זי איז א סובטעל „ווענזען" אבער זי דארף „אוזשיוואן", געניסען פון דער „שעהנער" וועלט.

האט טאקי די פרוי באלבינא אלס פריילין געחלומט אין די שטורמישע מינוטען וועגען א רייזע אויף דער ריוויערא, וועגען א „ראל־רא׳יס" אין די מעהר פראזאאישע — וועגען א חתן מיט א טיטול און זאקפאגע.

אויסגעלאזט האט זיך, אז זי האט חתונה געהאט מיט א „טוישער", וועלכער פערמאגט נישט קיין פופציג זל. איי־גענעם קאפיטאל און בעזיצט פארדעם א בכבודיג געלב בערד׳ל.

וועגען זיינע „גליקען" ווייסט ראזענזאפט. זי אבער האלט, אז א פרוי דארף געדענקען און זיך, און זאלען זיך די שכנים קרענקען.

זיצט אזוי די פרוי באלבינא נאכמיטאג אינדערהיים, פערטרוימט, שטומונגספול, פערביטערט אויף איהר מאנאטאן לעבען — פאלט אריין איהר שכנטע צעשא מיט א צעשטראלט פנים:

— וויע פאני, כ׳האב מיך אויסגעלערנט שפילען אין ברידזש!

— אלע יא לוביען גראטש טילקא וו׳טישאנצא.

צוליב קלארקייט מוז מען צוגעבען, אז די פרוי צעשא, א הויכע, א דארע האלט זיך פאר א גרויס שעהנהייט. די סיבה — א פשוטע: זי איז אמאל אויסגעוועהלט געווארען אלס „מיס" אין א צוקערניע, וואו עס זענען זיך צוזויפגעקומען פינף מיאוסקייטען. פון דאמאלס אן האלט זי זיך פאר א יפה־פיה און ווייזט יעדען די לערע פידלע פון דער בעקומענער דעמאלס באמבאניערקע.

זיי נעמען זיך צו די קארטען: א שאד די צייט און צו רכילות:

— ניעך פאני סאביע וויאבראזשי — רופט זיך אן פרוי צעשא — צו אונזער שכנ׳טע פון רעכטס איז אריינגעגאנגען פאר א פאר מינוט א פאצעט... טאקא סטארא ניערזשאדניצא — ענדיגט זי מיט כעס און קנאה.

סטארא? — וויל באלבינא איהר א שטאך טהון — דוכט זיך, אז זי איז נישט עלטער פון דיר...

— טא שיען פאני גרובא מילי — פערשנירט די צימבערקנאפף׳ן דאס מויל. ווען איך האב חתונה געהאט, האט זי אזוי אויסגעזעהען ווי היינט. אלע מאם ווראזשעניע — האט זי צוגעגעבען — אז זי איז יונגער פון איהן. פרזשעציעש פאני מיאלא דא שלובו 28 לאט...

באלבינא איז געווארען רויט פון כעס: דאס מיאוסקייט וועט איהר זאגען, אז זי איז אלט געווען צו דער חתונה 28 יאהר! ס׳וואלט געפאסט, אז זי האט נישט ספעציעל נאכגעקוקט אין מעלדונגס־בוך ווי אלט דאס „שעג־הייט" איז. זי האט אויסגעשאסען, זוכענדיג א „זאטשעפקע".

— פאני קארט ניע טאסויע.

— יאק פאני שמיע!

— בא טאק יעסט.

פון א ווארט צו ווארט, די צוויי שכנטעס האבען זיך צעווערטעלט אויף אנ׳אמת. זיי האבען פערגעסען, אז זיי זענען אינטעליגענטקעס און אנגעהויבען זיך קריגען ווי מיט די מענער:

— וואס איז די חוצפה מיט איהן. זא פראוודע ניע ביאן, זי האבען דאך חתונה געהאט אלס א״טע מויד.

— און זי האבען אוודאי חתונה געהאט, ווען זי זענען אלט געווען נאשציע.

— אויף איהן האט דאך קיין הונט נישט געוואלט קוקען.

— ווער עס זעהט נישט דאס גליק, וואס זי האט געכאפט!

— איהנ׳ס מאן איז נישט ווערט מיין מאנ׳ס אבפאלעצכץ.

— איהנ׳ס מאן קען געהן פאר א כפרה פאר מיינעם.

— איך וויל נישט, אז זי זאלען אריינקומען אין מיין שטוב!

— איך וועל ווידער קומען צו אזא פליצע־פלאק!

נו, ווי פערשטעהט איהר, האט מען געקענט ווייטער שפילען?

א צייכען פון דער צייט...

די רעוויזיאניסטישע עקזעקוטיווע האט אויף דער וויענער קאנפערענץ פראקלאמירט א פעטיציאנס־אקציע צום פעלקער־בונד, וואס איז אין זיינער צייט ענטוזיאסטיש בעגריסט געווארען, נישט בלויז דורך דער גאנצער רעוויזיאניסטישער געמיינשאפט, נאר אויך פון א גרויסען טייל פון יודישען פאלק מחוץ דער רעוויז. מחנה.

מיט דער פעטיציע זענען די איניציאטארען אויסען געווען צו צווינגען דעם פעלקער־בונד ענטגילטיג און קאנסעקווענט צו לעזען דאס פערוויקעלטע פראבלעם פון ארץ־ישראל־מאנדאט, כדי אויף אזא אופן צוצוגעבען די פעהלענדע „דרייסטקייט" די געהעריגע אינטערנאציאנאלע פאקטארען, זיי זאלען אהן שום צערעמאניעס פערלאנגען פון ענגלאנד צו ערפילען איהרע אינטערנאציאנאלע פערפליכטונגען און פון דעם ענטפער אויף דער פעטיציע, אבהענגיג צו מאכען די ווייטערע פאליטישע אקציעס.

עס איז איבריג צו בעטאנען וואס פאר א איינדרוק אזא פעטיציע וואלט ארויסגערופען אין דער וועלט. מיר ווילען נישט איבערטרייבען און גלויבען, אז דער פעלקער־בונד וואלט אבגענומען ביי ענגלאנד דעם א״י—מאנדאט און אויף אונזער פערלאנג איבערגעגעבען עס וועמען מיר וואלטען געוואלט; אזוי גוט האלט עס נאך נישט מיט אונז. יעדענפאלס אדער קאנען מיר נישט נעגירען די גרויסע השפעה, וואס די דעבאטע ארום דער פעטיציע וואלט געהאט אויף דער מאנדאטאר־מאכט בנוגע אונזערע קאלאניזאציע ארבייטען אין ארץ־ישראל.

איינס איז בעשטימט זיכער, אז דער פעלקער־בונד וואלט בעהאנדעלט די דאזיגע פראגע נישט לשם קורטואזיע נאר דורכאויס פון ערנסט־פאליטישען שטאנדפונקט, ווייל דער פעלקער־בונד וואלט אין דעם פאל געמוזט זיין פעראינטערעסירט, דאס מען זאל זיך צו איהם בעציהען ווי צו א אויטאריטאטיווע אינסטיטוציע, אין געגענפאל דראהט איהר צו פערלירען איהר פרעסטיזש.

מיר האבען א גרונד צו גלויבען, דאס צוליב דעם דאזיגען שטאנדפונקט האט זי אויך געשאפען דעם הויך קאמיסאריאט פאר דייטשע פליטים.

ביז יעצט איז אבער די דאזיגע פעטיציע נישט דורכגעפיהרט געווארען; אנשטאט פראקטיש עפיס צו טהון, פלייסט מען זיך געגענזייטיג צו בעקעמפען און טעארעטיש פעסטצושטעלען, אז אזא פעטיציע איז אין יעצטיגען מאמענט נישט ווינשענסווערט... מיט דער מאטיווירונג, אז דער פעלקער־בונד איז יעצט פערנומען מיט מעהר וויכטיגערע זאכען און וועט אונזער פעטיציע נישט קענען שענקען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט, וואס בעדראהט אז עס וועט נישט ארויסרופען דעם געהעריגען עפעקט.

דאס איז דורכאויס א פאלשע מיינונג. פערקעהרט, האבענדיג דעם מוט און דרייסטקייט צו צווינגען דעם פעלקער־בונד צו בעשעפטיגען זיך מיט אונזער פראגע, וועלען מיר דערמיט דעמאנסטרירען די וויכטיגקייט פון דער דאזיגער פראגע, שטעלענדיג זי אין דער זעלבער רייהע מיט אנדערע קאמפליצירטע אינטערנאציאנאלע פראגען.

אבער אנשטאט צו שאפען די אייניגקייט ארום דעם דאזיגען פראבלעם, וואס זיין וויכטיגקייט האט א דעצידירענדע היסטארישע בעדייטונג, טאקי דעם וועג פון „נאציאנאלער קאנצענטראציע" (כאטש צייטווייליג אויף א קורצע צייט"), טהוט מען זיך איינער פון אנדערן, דערוויטערען און אבגרענעצען מיט א כינעזישער מויער און מען שאפט טעארעטישע אונטערשידען, וועלכע זאלען בערעכטיגען די צעריסענקייט דעם ספעראטיזם. אין דאס ווען? אין וואס פאר א צייט? ווען מען יאגט און פלאגט אונזערע ברידער אין דייטשלאנד, ווען מען מאכט אבלאוועס אויף „אונלעגאלע" טוריסטען אין „ארץ ישראל"...

ווי ביזטו דו „יודישער אחדות"?...

עס איז געגוג טראגיש, אז מען קען שוין נישט ביי אונז איינארדנען קיין געמיינזאמע פראטעסט־מיטינגען, דאס הייסט נאך שאפען א גלות אין גלות...

יעצט איז טאקי פאר אונז די בעסטע פאליטישע קאניוקטור פאר א פעטיציאנס־אקציע, וועלכע מיר מוזען דורכאויס אויסנוצען, אויב נישט טראגען מיר ארויס אויף זיך זעלבסט אנ׳אורטייל פון פעראכטונג און שפאט און די קולטורעלע וועלט, צו וועלכער מיר אפעלירען אזוי אפט, וועט זיך מיט אונז אבסאלוט נישט רעכנען—„ואם לא עכשו אימתי?..

ל. קאפינסקי.

ביי פערדארבענעם מאגען, געדערים־גערונג, איבעלדיגען מויל־געשמאק, שטעכן, קאפ־שמערץ, פיבער, שטוהל־פערהאלטונג, ערברעכען אדער דורכפאל ווירקט שוין איין גלאז נאטירליך „Franciszka Józefa" ביטערוואסער זיכער, שנעל און אנגענעהם.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

וואס טהוט מען נישט אלץ פאר די ארימע קינדערלעך וועגען...

די קינדער, דאס זענען די טייערסטע מתנה, וואס דאס לעבען קאן געבען. אונזער גאנצע הארעוואניע, אונזער גאנצער ציעל אין לעבען, איז אלץ נאר פאר די קינדער׳ס וועגען.

פערהאנען מלוכות, וואס טיילען פרעמיעס פאר פיעל קינדער־האבען, ווי דאס איז, למשל, אין פראנקרייך. אין ניו־יארק ווידער, למשל, קאן א קליין קינד, ווען עס וויל אדורכגעהן די גאס, אבשטעלען מיט א מאך פון זיין הענטעלע די גאנצע בעוועגונג— א קליינקייט עפעס, אנהר שפילט זיך מיט קינדער?

ביי אונז יודען איז לעצטענס אפילו אין דעם פיט אביסעל קאליע געווארען. פערהאנען אפיקורסים, וועלכע זאגען, אז עס ווערט געבוירען א יודיש קינד איז צוגעקומען נאך א אומגליקליך בעשעפעניש, וואס וועט זיך מאטערן אויף דער זינדיגער און מיאוס׳ער וועלט, וואס איז פערוואנדעלט געווארען אין א וואלד צווישען ווילדע חיות וועלכע ווילען דעם יודען פערציקען. פינדעסטוועגען איז אבער נישט אזוי שלעכט, אונזערע יודען, רחמנים בני רחמנים, זענען זיך פשוט מוסר נפש פאר די יודישע קינדערלעך, א פשיטא, ווען זיי זענען נאך דערצו ארעם.

פערהאנען, אויב כ׳האב קיין טעות נישט דוד פרישמאנ׳ס אזא סאטירע: ער האט דערהאלטען אנ׳איינלאדונג אויף א באל, וואס איז איינגעארדענט געווארען, כדי צו קאנען אויסהאלטען דאס יתומים־הויז. מוז מען דאך געהן, האט ער אבער א גאנצע נאכט געטאנצט און זיך געוויילט ביז טאג. יעדעס מאל ווען ער האט געטאנצט, האט ער מכוון געווען, אז ער טאנצט נישט חס ושלום, כדי זיך פערגעניגען צו פערשאפען, נאר ער טהוט עס צוליב די קינדער׳ס וועגען. און מיט יעדען טריט, וואס ער מאכט ביים וואלץ, לייגט ער צו א ציגעל צום בנין פאר די יודישע יתומים׳לעך, נעביך. אין א פאר טאג ארום בעקומט ער פון דער וואלטעטיגער געזעלשאפט א דין וחשבון פון דער פארגעקומענער אימפרעזע, און עס ווייזט זיך ארויס, אז די הכנסה איז געווען 1325 זל. מיט 55 גראשען, אויסגאבען—1275 מיט 68 גראשען, און אזוי ווי מיט דער נישטיגער סומע קאנען זיי גארנישט אויפטהון, מוזען זיי איינארדנען א באל, כדי צו פערגרעסערען די הכנסות, לכן, ווערט ער איינגעלאדען אויפ׳ן באל, וואס קומט פאר אין דעם און דעם טערמין, וואס זיין צוועק איז צו פערגרעסערען די הכנסות פון יתומים־הויז. לאין ברירה איז ער נאכאמאל געגאנגען אויף דער פערוויילונג און ווידער געטאנצט א גאנצע נאכט לשם מצוה, האבענדיג אין זינען די ארימע יתומים׳לעך נעביך. אין א פאר טעג ארום בעקומט ער ווידער א חשבון, אז די אימפרעזע האט אריינגעבראכט 2275 זל. נאר די אויסגאבען זענען געווען 2665 זל. און היות ווי עס איז פערהאנען א דעפיציט, איז ער בעשטייערט געווארען מיט 25 זלאטעס, כדי דעם דעפיציט צו דעקען...

מיט דער דאזיגער ערצעהלונג האט פרישמאן, דער סאטיריקער, געוואלט אבלאכען פון די פילאנטראפישע דאמען, וועלכע ווילען מיט די איינגעארדענטע „קערמאשען" און דאנסינגס, וואס זייערע הוצאות זענען טיילמאל גרעסער פון די הכנסות, ראטעווען די ארימע יתומים.

דאס איז געווען אמאל, ווען מען האט געקאנט אהן א דאנסינג צוזאמענעמען א גרעסערע סומע פאר א אינסטיטוציע און מען האט נישט געדארפט ערשט איינארדנען א פערוויילונג און אויסגעבען אזוי פיעל געלד. היינט אבער איז נישטא קיין אנדערע ברירה, נאר אז מען וויל שאפען אביסעל געלד, מוז מען עס טהון אויף אזא אופן. ווארום טאמער קומט מען צו איינעם, מעג ער זיין א גרויסער גביר, איז אין בעסטען פאל וועט ער דיר געבען א פאר לומפיגע גראשען. און אז נישט, וועט ער דיך בעליידיגען און זיך נאך גוט אויף דיר אנבייזערען. מען מוז דעריבער א זאמלונג מאכען עלעגאנט פאר די גבירים מיט א קערמאש, און פאר עמך—א טאנץ־אווענד.

פערגאנגענעם שבת־צו־נאכט׳ס זענען טאקי פארגעקומען 2 אזעלכע טאנץ־אווענדען וואו דער עולם האט געטאנצט און זיך געוויילט אלץ פאר די טובה פון די ארימע קינדער׳ס וועגען.

די אריסטאקראטיע האט איינגעארדענט א ק ע ר מ א ש און נישט אנדערש נאר אין האטעל „פאלאניא" (וואו דער אייגענטימער איז א גרויסער יודען־פריינד און האט א סך פערדינגסטען פאר דער יודישער געזעלשאפט פון אונזער שטאדט...) אריסטאקראטיש־מעסיג. זענען טאקע געקומען די דאמען און הערען אנגעטהון אין אנעלעגאנטען שטאט און מען האט זיך געוויילט פא אינטיליגענסקו. פערשטענדליך, אז דער עולם איז געווען א בעשיידענער, נישט קיין גרויסער, ווארום אריסטאקראטען בעוונותינו הרבים זענען נישטא נאך קיין סך, פונדעסטוועגען האט מען געטרינקען שווארצע קאווע און מען האט אויך געטאנצט און אין זינען געהאט אז זיי טהוען דאס נישט פאר זייער פערגעניגען וועגען, נאר פאר די ארימע יתומים, וואס געפינען זיך אין יתומים־הויז א. נ. פון מינא ווערדע.

אין דער זעלבער צייט איז אין א אנדערען זאל, אין „מכבי", פארגעקומען א דאנסינג וואו עס זענען זיך צוזויפגעקומען דאס אמת׳ע „עמך" און מען האט געטאנצט אויף וואס די וועלט שטעהט. און מען האט ווידער אין זינען געהאט, אז מען ווײלט זיך אויפ׳ן חשבון פון די ארימע קינדער פון דער פאווישעכנע שולע נומער 15, וועלכע וועלען בעקומען שיכלעך אויף זייערע נאקעטע פיס.

דעם אמת מוז מען זאגען, אז דער עלטערן־קאמיטעט פון דער אויבענדערמאנטער שולע, האט שווער און געטריי געארבייט, צוזאמענשאפענדיג א אומזיסטען בופעט און פערשפרייטענדיג אזוי פיעל בילעטען.

צו דעם דאזיגען אווענד זענען געקומען אזוי פיעל געסט, אז מען האט געמוזט שליסען די טירען און מעהר קיינעם נישט אריינלאזען.

אזוי האט מען א גאנצע נאכט זיך געמאטערט און געטאנצט נעביך סיי אין האטעל פאלאניע אויפ׳ן קערמאש, סיי אין „מכבי" אויפ׳ן דאנסינג. און אלץ פאר די ארימע קינדער׳ס וועגען...

זיי דעריבער רוהיג, יודיש קינד, דיר וועט גארנישט פעהלען, דיינע עלטערע ברידער און שוועסטער וועלען דיר שטענדיג קומען צו הילף אין דיין נויט, ווען זיי זאל אפילו אויסקומען צו טאנצען א גאנצע נאכט פאר

די אויפגאַבען פון סטאַטיסטישען ביוראָ ביים „צעקאָבע".

(צענטראַלע געזעלשאַפט צו שטיצען דעם אָנפּראָצענטיגען קרעדיט און פּראָדוקטיווע אַרבייט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנקעטע, וואס ווערט אַדורכגעפיהרט דורך דעם סטאַטיסטישען ביוראָ ביי דער צענטראַלע פון די ג"ח-קאַסעס אין פוילען, כדי צו פאַרשען די ענדערונגען אין ווירטשאַפטליכען לעבען פון דער יודישער בעפעלקערונג, האָבען מיר דערהאַלטען וועגען דעם ענין פאָלגענדען אַרטיקעל.

אַזוי לאַנג ווי יודען וואוינען אין גרעסערע מאַסען אויף פוילישע ערד, הערען נישט אויף אַרויפצושווימען אויף דער אויבערפלאַך ווירטשאַפטליכע און סאָציאַלע פראַגען פון יודישען לעבען, פראַגען וואס ריהרען אָן נישט נאָר די יודען גופא, נאָר אויך זייער סאָציאַל-ווירטשאַפטליכען אַרום. ס'פלעגען זיך ענדערן די סאָציאַלע און ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען אין די פוילישע געביטען, ס'פלעגט זיך אויך ענדערן די לאַגע פון די יודען אין פוילען, אָבער די יודען פראַגע איז אויף קיין איין מאָמענט נישט אַראָב פון סדר-היום.

און זי ווערט וואס אַמאָל אַנגעשטרענגטער, וואס אַמאָל שאַרפער, אין דער מאָס ווי ס'ענטוויקלען זיך די ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען אין לאַנד, וואס האָסטיקער ס'וואַקסט דער טעמפּ פון נייצייטיגען לעבען, אלס ברייטער ווערט איהר פאַרנעם.

דאס פוילישע פאָלק האָט צוריקבעקומען זיין אומאָפּהענגיגקייט. ס'איז געקומען א צייט, ווען ס'דאַרפען געלעזט ווערען אויף אַ קאָנקרעטען, ממשות'דיגען אופן די שוין פון לאַנג אָן צייטיגע פראַגען ווי אויך די, וואס זענען אין דער לעצטער צייט אַרויפגעשווימען.

כדי ס'זאָל אויף א געהעריגען אופן צוגעגרייט ווערען די לעזונג פון די פּראָבלעמען, וואס זענען אַרויסגערוקט געוואָרען דורך די נייע פערהעלטנישען, איז געשאַפען געוואָרען דער סטאַטיסטישער הויפּט-אַמט, וועמענס אויפגאַבע ס'איז צו זאַמלען און וויסענשאַפטליך צו בעאַרבייטען אַלע ידיעות און מאַטעריאַלען וועגען די ערשיינונגען און דעם פּראָצעס פון געזעלשאַפטליכען לעבען אויפ'ן גאַנצען שטח פון דער מלוכה. סטאַטיסטישע אָבטיילונגען זענען אויך ענטשטאַנען ביי די מאַגיסטראַטען, פּאָוויאַט-פערבאַנדען און ביי פערשידענע ווירטשאַפטליכע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס.

ס'האָט זיך לכתחלה געדאַכט, אַז די יודישע פראַגען וועלען געפינען א געהעריגע בעלייכטונג אין די טעטיגקייטס-ראַהמען פון סטאַטיסטישען הויפּט-אַמט און פון די סטאַטיסטישע אָבטיילונגען אין די שטעדט און פּאָוויאַטען.

איינע פון די ערשטע אַרבייטען פון סטאַטיסטישען הויפּט-אַמט איז געווען די ערשטע פאָלקס צעהלונג, וואס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין פוילען אין יאהר 1921. די מעטאָדיש-אָרגאַניזאַציאָנעלע פעהלערן פון דער ערשטער צעהלונג האָבען געמוזט ווי ווייט מעגליך בעזייטיגט ווערען דורך דער צווייטער צעהלונג, וועלכע איז פאַרגעקומען דעם 9-טען דעצעמבער 1931. די ביזאהער פערעפענטליכטע דערווייליגע רעזולטאַטען פון דער צעהלונג זאָגען אָהן ספק נעהנטער צו דער ווירקליכקייט ווי די רעזולטאַטען פון דער ערשטער צעהלונג. אָבער גיט געקוקט דערויף, בעווייזען זיי מיט דער גרעסטער בולטקייט, ווי ווייט נויטיג ס'זענען ספּעציעלע פאַרשונגען וועגען די פראַגען וואס האָבען א שייכות צו דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען.

לאָמיר נעמען אלס ביישפּיל אַזאַ עיקר-פראַגע ווי די פראַגע וועגען דער צאָהל יודען אין פוילען. צי וויסען מיר טאַקע באמת גענוי וויפיעל יודען זענען דאַ אין פוילען?

נעהנטערע אויספאָרשונגען פון עטליכע יודישע אָרגאַניזאַציעס (ספּעציעלע אַנקעטע פון „טאָז"), וואס האָבען זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיגען ענין, האָבען שוין אין זייערע דערווייליגע רעזולטאַטען געגעבען אָבווייכונגען פון 20—30 פּראָצענט לגבי די שייכות'דיגע ציפערן פון די אָפיציעלע צעהלונגען גיבען נאָך גרעסערע אָבווייכונגען לגבי די דאַטעס וואס שטאַמען פון שאַצונגען. (די דאָזיגע אויספאָרשונגען האָבען אָגב ווייט נאָכנישט אויפגעשעפּט דאס פּראָבלעם) איינע פון די ערשטקלאַסיגע פראַגען וואַרט בכן נאָך אויף איהר לעזונג.

און אַ צווייטע נישט-ווייניגער וואָגיגע פראַגע—צי איז נישט וויכטיג אויסצופאָרשען וועגען דעם בעשטאַנד און די כסדר'דיגע שינויים וואס קומען פאָר אין האַנדעל און מלאכה ביי יודען?

פון אָנהויב פון דער וועלט-מלחמה ביז'ן איצטיגען מאָמענט איבערלעבט פוילען—פונקט ווי די גאַנצע וועלט—רייהע פערשלעפּטע ווירטשאַפטליכע קריזיסען. די דאָזיגע קריזיסען האָבען אַרויסגערופען און רופען כסדר אַרויס נייע שינויים אין די לעבענס-און אַרבייטס-בעדינגונגען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען. אָבער צי ווייסען מיר עפּעס גענויער און קלאָרער וועגען די דאָזיגע ענינים? כמעט ווי גאָרנישט. קוים עטליכע אָבגעריסענע פאַקטען און געשעהענישען דערגעהן צו דער עפענטליכקייט.

מען שרייבט א סך, און מען רעדט נאָך וועגען דער אייגענאַרטיגער ווירטשאַפטליכער סטרוקטור פון די יודען אין פוילען. ווער ווייסט דאס נישט, אַז די יודען שטעלען מיט זיך פאָר א שטאָדטישען עלעמענט, וועלכער פערנעמט זיך ס'רוב מיט קליינהאַנדעל, מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס. אָבער צי האָט עמיצער געפּרובט גרונטליך אויסצופאָרשען דעם ווירטשאַפטליכען מצב פון יודישען סוחר'טום, בפרט פון קליינהאַנדעל. כאָטש אין עטליכע געצעהלטע פּונקטען פון לאַנד? צי פאַרמאָגען מיר ציפערן און פאַקטען וועלכע גיבען א זאַכליכע אָבשפּיגלונג פון די לעבענס און אַרבייטס-בעדינגונגען פון יודישען אַרבייטער און האַנדווערקער? צי ווייסען מיר טאַקע גענוי ווי אַזוי אונזער שטייער-סיסטעם רופט זיך אָב אויף די דאָזיגע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג?

און ענדליך, צי ווייסען מיר עפּעס גענויעס וועגען די אויסזיכטען פון אונזער יוגענד אויף דער נאָהענטסטער צוקונפט, וואס זי לערנט זיך, אָדער ווי אַזוי מען וואָלט זי געקאָנט אַרויספיהרען אויף אַ ריכטיגען וועג?

אַט די אַלע געביטען בילדען דערווייל ביי אונז א נישט-פערשריבען בלאַט—אַ לעבעדיגען אַרט און דאס לעבען וואַרט דאָך נישט. עס שווימען כסדר אַרויס נייע בעדערפעניסען, וואס מוזען פערענטפערט ווערען. נאָר געציילטע יחידים און מענכע אָרגאַניזאַציעס האָבען געפּרובט ענטפערן אויף געוויסע פראַגען. אַזוי צום ביישפּיל האָט דער „דזאָינט" דורכגעפיהרט אַנקעטעס וועגען עטליכע צווייגען פון דער הויז-אינדוסטרי, וואס זענען פערשפּרייט צווישען יודען (הזיר-האָר, לעדער-גאַלאַנטערי א. א.) אין דער פּעריאָדישער פּרעסע האָבען זיך בעוויזען אַרטיקלען וועגען דער מעגליכקייט פון נייע פּרנסות פאַר דעקלאַסירטע יודען. מיר פערמאָגען אויך עטליכע אַרבייטען פון יודישע עקאָנאָמיסטען וועגען דער ווירטשאַפטליכער לאַגע פון יודען אין פוילען. די אַלע דערמאָנטע פּרובען האָבען אָבער נישט בעוויזען אויסצושעפּען אַלע זייטען פון די בעריהרטע פּראָבלעמען.

די דאָזיגע פראַגמענטאַרישע פּרובען האָבען נאָר אַנ'איבריג מאָל בעשטעטיגט, אַז די פאָרשונגען פון די ווירטשאַפטליכע און סאָציאַלע בעדערפענישען פון דעם העכער 3 מיליאָניגען יודישען קיבוץ, וואס איז צוזייט איבער'ן גאַנצען שטח פון פוילען, קען נאָר דאַן געבען פּאָזיטיווע רעזולטאַטען, ווען זיי וועלען דורכגעפיהרט ווערען דורך אַ ספּעציעל צו דעם צוועק בעשטימטער אינסטיטוציע — דורך אַ יודיש-סטאַטיסטישען ביוראָ.

אַזאַ ביוראָ וועט אָבער נאָר דאַן קענען דערפילען איהר אויפגאַבע, ווען זי וועט בעווייזען אָנצוקניפּען אַנ'ענגערען קאָנטאַקט מיט די אָרטיגע פערהעלטנישען, און קודם-כל מיט דער בעפעלקערונג גופא.

דער געדאַנק וועגען שאַפען אַזאַ פאָרשונגס-אינסטיטוציע איז שוין פון לאַנג אָן רייף געוואָרען צווישען יודישע געזעלשאַפטליכע טוער און עקאָנאָמיסטען. עס איז וואס אַמאָל קלאָרער געוואָרען די נויטיגקייט צו שאַפען אַ מיטעלפּונקט, וואו עס זאָל געזאַמעלט, קלאַסיפיצירט און בעאַרבייט ווערען אויף אַ וויסענשאַפטליך-אָביעקטיווען אופן — האָבענדיג אין זיך פּראַקטישע ציעלען — פּאַקטישע ידיעות און ציפערען וועגען די נויטען און בעדערפנישען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען.

פּרובען צו אָרגאַניזירען אַ שטענדיגע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל זיך פערנעמען מיט סטאַטיסטישע פאָרשונגען פון יודישען סאָציאַל-עקאָנאָמישען לעבען, זענען שוין געמאַכט געוואָרען נישט איינמאָל דורך דעם „דזשאָינט" און אַנדערע יודישע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. אויך דאס איצט געשאַפענע סטאַטיסטישע ביוראָ ביים „צעקאָבע" האָט צו פערדאַנקען זיין ענטשטעהונג דער איניציאַטיווע און דער פינאַנסיעלער און מאָראַלישער אונטערשטיצונג פון „דזשאָינט". פון דער אַנדערער זייט דערקלערט זיך דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צוזאַמענבונד פון סטאַטיסטישען ביוראָ מיט דעם „צעקאָבע" דורך דעם, וואס די דאָזיגע געזעלשאַפט איז היינט צו טאָג די אַנגעזעהענסטע אינסטיטוציע אויף דעם געביעט פון אוממיטעלבאַרער ווירטשאַפטליכער הילף פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען, און אויך צוליעב דעם, וואס דער „צעקאָבע" פערמאָגט זיין לאָקאַלע אָרגאַנען כמעט אין יעדען שטעדטיל און ישוב, וואו עס וואוינען כאָטש עטליכע צענדליגג יודישע משפחות. דאס זענען קאַמערלעך ביי וועלכע זענען ווי געשאַפען פאַר דער ראָל פון סטאַטיסטישע בעאָבאַכטונגס-פונקטען.

אַלץ אין איינעם שטעלט זיך אָבער די זאַך פאָר אַלט א דורכאויס גרויסע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבע. גרויס, ווייל זי פערלאַנגט אַ גאַנצען שטאַב איבערגעגעבענע קאָרעספּאָנדענטען, וואס זענען צושפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד; קאָמפּליצירט, ווייל נישט שטענדיג וועט דער איינצעלנער קאָרעספּאָנדענט בכוח זיין זעלבסטשטענדיג צו אָריענטירען זיך אין פערפּלאָנטערטען קנויל פון סאָציאַל - עקאָנאָמישע דערשיינונגען, וועלכע ס'וועט איהם אויסקומען צו פערצייכענען און בעשרייבען.

די דאָזיגע קאָרעספּאָנדענטען האָבען מיר שוין.

ווער זענען זיי? דאס זענען מענשען מיט אַ געזעלשאַפטליכען חוש, וואס האָבען פערשטענדניש פאַר אונזערע אויפגאַבען אויפ'ן געביעט פון עקאָנאָמישע פאָרשונגען.

דאס זענען ס'רוב סעקרעטאַרען פון גמילות-חסדים-קאַסעס אָדער מיטאַרבייטער פון אַנדערע ווירטשאַפטליכע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. (סוחרים און האַנדווערקער-פעראיינען,

---

דיינסטונגען...

די אמת'ע פערזאָרגער...

מען דערצעהלט, אַז ווען מען איז געקומען צום ניקאָליי דעם ערשטען מיט אַ בלבול וועגען עלילת-דם, האָט ער עס ענטשידען אָבגעוואָרפען, ערקלערענדיג, אַז ער גלויבט נישט, דאס יודען זאָלען זיך דערמיט בענוצען. און ווען מען האָט איהם אָנגעפרעגט פון וואַנען ער איז דאָס אַזוי זיכער, האָט ער געענטפערט פּראָסט-פּשוט, אַז אויב יודען וואָלטען בענוצט קריסטליך בלוט צו די מצות, וואָלטען זיך שוין געפינען יודען, וועלכע זאָלען דאָס צוטראָגען. און אויב יודען פער'מסר'ן דאס נישט, איז א סימן אַז ס'איז נישט מעהר, ווי א געמיינער בלבול.

אַזוי האָט כאַראַקטעריזירט דאס יודענטום דער בלוטיגער הערשער ניקאָליי דער ערשטער.

צו אונזער שאַנדע און ווערטאָג איז עס ליידער אַ גוטע כאַראַקטעריסטיק, דאס מין מסירה איז ביי אונז יודען אַ נאַטירליכע זאַך.

איך וויל נישט איצט דערצעהלען וועגען אַ גאַנצע רייהע מסירות, וואס קומען פאָר צווישען יודען אויף אַלע געביטען, סיי אין מסחר, סיי אויפ'ן פּאָליטישען געביעט. איך וויל דאָ נאָר בעריהרען אַ פראַגע, וואס מוז בעקומען אַנ'ענטפער, ווייל דאס ריהרט אָן דעם פּרעסטיזש פון אַזאַ וויכטיגער אינסטיטוציע, ווי עס איז דער האַנדווערקער-פערבאַנד אין טשענסטאָכאָוו.

פאַר עטליכע וואָכען צוריק איז קיין טשענסטאָכאָוו געקומען פון ראַדאָם א יוד, א צוקערניק, א געוויסער שמואל נאַכמאַן. דער זעלבער נ. איז א היגער געבוירענער און אין דער יוגענד האָט ער געאַרבייט ביי אַ רייהע היגע צוקערניקעס. היות, ווי אין ראַדאָם איז איהם געגאַנגען שלעכט, איז ער צוריקגעקומען אין זיין געבורטס-שטאָדט און מיט דער הילף פון גוטע פריינד האָט ער זיך איינגעאָרדנט אַנ'אַרבייטס וואַרשטאַט, כדי צו קאָנען פערדינען פאַר זיין פרוי און קינדער אַ שטיקעל ברויט.

דאס האָבען אָבער נישט געקאָנט פערליידען די היגע יודישע צוקערניקעס. נעמט מען טאָג-טעגליך פּאָליציאַנטען און מען פיהרט זיי אַריין אין וואַרשטאַט פון דעם צוקערניק און מען הייסט מאַכען פּראָטאָקאָלען.

נ. האָט אפילו א דיפּלאָם מיט אַ האַנדווערקער-קאַרטע, נאָר היות ווי דער לאָקאַל איז נאָך נישט בעשטעטיגט פון געזונדהייטס-אַמט, נוצען דאס די יודישע צוקערניקעס אויס און מען מסר'ט איהם טאָג-טעגליך פאַר דער מאַכט און מען וויל איהם אומגליקליך מאַכען.

איך האָב זיך וועגען דעם ענין געווענדעט צום האַנדווערקער-פערבאַנד און בעקומען אַנ'ענטפער, אַז זיי פערורטיילען די דאָזיגע העסליכע מסירות, נאָר זיי זענען מאַכטלאָז געגען די דאָזיגע ברואים.

איך האָב געהאַט בעשלאָסען אפילו די דאָזיגע מוסרים עפענטליך צו שטעלען צום שאַנד-סלופּ, נאָר אויב איך טהו עס נישט איז עס דערפאַר, ווייל איך טראַכט, אַז זיי וועלען דאָך רעזיגנירען פון דער דאָזיגער העסליכער נבלה.

אָבער דער האַנדווערקער-פערבאַנד דאַרף פונדעסטוועגען יאָ רעאַגירען אויף דער מעשה-רע און די דאָזיגע העסליכע מוסרים אויסשליסען פון זייערע רייהען און זיי שטעלען צום שאַנד-סלופּ.

ווי איהר זעהט, דאַרף מען נישט האָבען קיין ספּעציעלע קאָנטראָלערען פון דער מאַכט, ווייל אונזערע אייגענע ברידער זאָרגען שוין דערפאַר, זיי זענען די אמת'ע פערזאָרגער...

בראַוואָ, ביתר'אָווצעס!

כ'וויל זיך נישט ערקלערען אין ליעבע ספּעציעל די ביתר'אָווצעס, ווייל נישט זייענדיג קיין פּאַרטיי-מאַן זענען פאַר מיר אַלע, וועלכע העלפען בויען ארץ-ישראל נאָהנט און סימפּאַטיש, נאָר דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז אַט די דאָזיגע יונגע ציוניסטען, די ביתר'אָווצעס, זענען איבערגעגעבען זייער אידעע מיט לייב און לעבען און זיי רעאַגירען מאָמענטאַל אויף אַלע געשעהענישען מוטיג און ווירדיג.

האָט היטלער ימח שמו, געגעבען די לאָזונג להרוג ולאבד—זענען די ביתר-אָווצעס געווען די, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט און אַראָבגעריסען דעם דייטשען האַקענקרייץ ביים ירושלים'ער קאָנסול. ווען די ארץ-ישראל-רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען די גזירות געגען דער יודישער עליה, האָבען די וואַרשאַווער ביתר'אָווצעס אויסגעהאַקט די שויבען אין ענגלישען קאָנסולאַט.

איצט ווידער איז געקומען אַ ידיעה, אַז אין תל-אביב איז פאַרגעקומען א צוזאַמענשטויס צווישען ביתר'ים מיט פּאָליציי בעת אַ דעמאָנסטראַציע געגען די עליה-גזירות.

זאָלען מיר מוחל זיין די הסתדרות'ניקעס און אַנדערע ראַדיקאַלע ציוניסטען, נאָר איך האַלט, אַז מיר זענען אַ נאָרמאַל פאָלק און יעדענפאַלס אין א"י האָבען מיר דאס רעכט צו פּראָטעסטירען געגען די בעגרענצונגען. און אויב אַנדערע ציוניסטען טהון דאס נישט, איז עס, לויט מיין מיינונג, נישט קיין קלוגע פּאָליטיק, ווייל די לעצטע עליה-גזירה האָט אַ שייכות צו די אַראַבישע אונרוהען, און ווען מיר, יודען, וועלען זיצען ווי די פרוסען, וועלען אויף אונזערע קעפּ פאַלען ווייטערע גזירות.

איך בין ווייט נישט קיין אָנהענגער פון דעמאָנסטראַציעס, אָבער פערפאַלען, די פּאָליטיק פון לאַנד פאָדערט, אַז מיר זאָלען אַרויסווייזען אונזער פּראָטעסט געגען די ווילדע גזירות פון דער ענגלישער מאַנדאַטאַר-מאַכט.

מיר טאָרען נישט זיין קיין הויף-דיפּלאָמאַטען און מיט הכנעה וואַרטען אויפ'ן חסד פון ענגלאַנד, מיר מוזען אויסדריקען אונזער פּראָטעסט דרייסט און אָפען, אַזוי, אַז זיי זאָלען זיך מיט אונז רעכענען.

דעריבער טאַקי דאַרפען די דאָזיגע ביתר'אָווצעס בעגריסט ווערען.

בראַוואָ, ביתר'אָווצעס!

אין אונזער „יודישער" מלוכה.

איך מיין נישט ארץ ישראל, וועלכע איז ערשט אפילו לויט די רעוויזיאָניסטען אַ מלוכה אונטער'ן וועגס, נאָר איך רעד וועגען אונזער אמת'ער מלוכה וואס רופט זיך אָן: קהלה קדושה.

ווי אַזוי עס זעהט אויס די אַרבייט איגענטליך ווייס איך נישט, ווייל איך האָב נאָך נישט געהאַט דעם בעריכט פון לעצטען יאָהר, וואס דאַרף אַ ליאָדע טאָג אָבגעגעבען ווערען. אויסערליך אָבער, מוז מען מודה זיין, געזעהט די אַרבייט פיבערהאַפט.

קודם כל האָט דער היינטיגער פּרעזעס געהייסען אויפפרישען דעם לאָקאַל און איבערגעענדערט דעם סיסטעם פון די אַרבייטס-צימערן, דהיינו: דער פּרעזעס - קאַבינעט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ וואַרטע - צימער. אין זיצונגס-זאַל שטעהן צוויי ביוראָ-טישען. ביי איין טיש זיצט די עטאַט-קאָמיסיע מיט די 2 זשעריקער'ס בראש, וועלכע ערלעדיגען די עטאַט-צאָהלער וואס קומען ערלעדיגען די אַלטע פערלעגענע חובות. ביים צווייטען טיש זיצט דער פאָרזיצער פון דער סאָציאַלער-שוץ-קאָמיסיע און ערלעדיגט ווידער די דאָזיגע ענינים; און צו ערלעדיגען איז אויף דעם געביעט דאָ זעהר פיעל.

ערשט, אין לעצטען צימער פון די אינערע חדרים (אפשר צוליעב אַנ'עין הרע...) זיצט דער פּרעזעס. מען שמועסט, אַז דאָס וואָס ער האָט אָוועקגעריקט זיין קאַבינעט אַזוי ווייט איז א סגולה צו קומען וואס ווייניגער אין בעריהרונג מיט'ן עולם...

ביי א צווייטען טיש זיצען: דער דער וויצע-פּרעזעס ה' בעריל געווערצמאַן און מ. פאַגעל און ערלעדיגען די רעליגיעזע ענינים, ווי שחיטה, מקוה וכדומה.

ווען מען קומט אין דער קהלה צווישען 2—12 מיטאָג קאָכט ווי אין אַ ביהן שטאָק, און א זייטיגער מענש טראַכט: מי יודע, וואס דאָרט ווערט אַלץ אויפגעטהון.

בעקומען זייער תיקון.

יאָהרען לאַנג האָט אין דער קהלה זיך אַרומגעוואַלגערט דאס שארית הפּליטה פון דער סאַלאַ-זאַיענטש ע"ה. אונזערע קהלה-פערזאָרגער מורא האָבענדיג, אַז דאס ביסעל סחורה, וואס איז נאָך נישט קאַליע געוואָרען, זאָל אויך נישט געהן לאיבוד, האָבען זיי בעשלאָסען אַוועקצוגעבען די גאַנצע סחורה דעם יתומים-הויז, וואס זאָל פערווענדעט ווערען אויף צו מאַכען פאַר די קינדער פּאַלטענדלעך און קליידלעך.

ווי עס אינפאָרמירט מיך דער דאָזאָר קאָץ, דער פאָרזיצער פון דער געגעבענער קאָמיסיע, איז אוועקגעגעבען געוואָרען אויף דעם צוועק 74 מעטער מיט 40 צענטימעטער.

די קהלה האָט מיט'ן דאָזיגען בעשלוס געטהון א גוטע זאַך און די סחורה, וואס האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעוואַלגערט, האָט ענדליך בעקומען דעם אמת'ן תיקון.

מען וועט טאַקע טיילען קויהלען און קאַרטאָפעל

די קהלה-קאָמיסיע צו טהיילען קאַרטאָפעל און קויהלען פאַר בכבוד'דיגע יודען אין אונזער שטאָדט האָט זיך שוין קאָנסטיטואירט און אַלס פאָרזיצער אויסגעוועהלט ה' דניאל דזיאַלאָוויטש.

ווי מיר ווערען געוואויר, מיינען די קהלה-פאָרשטעהער גאַנץ ערנסט מיט דעם ענין און זיי האָבען זיך שוין געווענדעט צו קויהלען-און קאַרטאָפעל-סוחרים נאָך אָפערטען, און אויב זיי וועט געלונגען צו בעקומען אַביסעל געלד, קאָן מען האָפען, אַז שוין אין די נאָהנטסטע טעג וועט מען באמת טיילען אַביסעל קויהלען מיט קאַרטאָפעל.

לויתן.

סעקרעטאַרען פון די יודישע קהלות א. א.) זיי אַלע פיהלען טאַקע אומיטעלבּאר אין זייער טאָג-טעגליכען לעבּען דאָס פעהלען גענויע ידיעות וועגען דעם יודישען ווירטשאַפטליכען לעבּען.

די אויפגאבּען וועלכע מיר שטעלען זיי שטייגען נישט איינמאָל איבּער זייער בּעקאַנטשאַפט מיט די ווירטשאַפטליכע און סאָציאַלע פערהעלטנישען פון די בּעזונדערע ערטער.

אָט דאָ מוזען קומען אונזערע קאָרעספּאָנדענטען און מיטאַרבּייטער מיט אַ ממשות'דיגער הילף. אי די ענטשפּרעכענדע מאַכט-אָרגאַנען, פאַכמעניש, ווירטשאַפטליכע א. א. אָרגאַניזאַציעס, ווי בּכלל געזעלשאַפטליך דענקענדע פערזאָנען, געבּענדיג פאַכמענישע אָנווייזונגען, אינפאָרמאַציעס און אויפקלערונגען — יעדער פון טעטיקייטס-געביעט.

איינע פון זיינע וויכטיגסטע אויפגאבּען, צו אינפאָרמירען די געזעלשאַפטליכע מיינונג וועגען די ווירטשאַפטליכע נויטען פון דער גאַנצער יודישער בּעפעלקערונג, וועט דאס ביוראָ ערפילען מיט ז'ער הילף פון א סטאַטיסטישען בּיולעטין, וואָס וועט ערשיינען אַלע חודש, און וואו ס'וועלען געשילדערט ווערען די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין לעבּען פון די בּעזונדערע שיכטען פון דער יודישער בּעפעלקערונג.

אונזער תשובה אויף די עליה גזירות.

די טאג פרעסע ברענגט ווידער אַמאָל ידיעות וועגען די געפּלאַנטע עליה-גזירות מצד דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין א"י. זי ערלויבּט זיך געהען אויף אַ אונערהערטען וועג אין איהר קאַמף מיט אַזוי גערופענע טוריסטען. נאָך אין די צייטען פון דער צאַרישער רעגירונג פלעגען פאָרקומען „אַבּלאַוועס“ אויף די אונשולדיגע יודען צוליבּ דעם, וואס זיי האבּען נישט געהאַט די „פּראַוואזשיטעלסטוואַ“. מיר מוזען פיהרען דעם אַנגעשטרענגטען קאַמף געגען דעם יעצטיגען רעזשים פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין בּעצוג צו דער עליה בּכלל און צו די טוריסטען בּפרט. אין דעם קאַמף איז פעראייניגט דאס גאַנצע יודישע פאָלק, וועלכעס ווערט געפיהרט דורך די מאסגעבּענדע ציוניסטישע אָרגאַנען.

אָבּער צוגלייך מיט'ן דאַזיגען קאַמף מוז מען געדענקען, אַז אויף קיין איין מינוט טאָר נישט אָבּגעשטעלט ווערען אונזער שוואונגפולע און עקשנות'דיגע אויפבּוי-אַרבּייט, וועלכע האט ביז היינט שוין געגעבּען די בּעסטע רעזולטאַטען אויף אַלע געבּיטען פון אונזער בּעפרייאונגס-טהאַט. די בּערך 250.000 יודען אין א"י האָבּען, אַ דאַנק דער ציוניסטישער וועלט-בּעוועגונג, געשאַפען דעם יעצטיגען הערליכען ווירטשאַפטס-צושטאַנד אין לאַנד. אַ דאַנק דער מיהפולער אַרבּייט פון אונזערע פּיאָנערען בּיי דער מיטהילף פונם נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל זענען ענטשטאַנען די בּליהענדע דערפער און שטעדט— די רעזערוואַרען פאַר נייע צעהנדליגער טויזענדער עולים.

יעצט מוז נאָך מעהר בּעטאָנט ווערען די נויטווענדיגקייט אויסצובּרייטערען און פערשטאַרקען אונזער קאָנסטרוקטיווע טהאַט אין א"י. קיין גזירות און בּעגרענצונגען, דעפּאָרטאַציעס און „אַבּלאַוועס“ וועלען נישט האבּען קיין פּלאַץ, ווען גרויסע שטחים בּאָדען וועלען געהערען צום יודישען פאָלק און וועלען בּעזעצט ווערען דורך די טויזענדער אריינגעקומענע יודען קיין א"י. אַ נייע קייט פון יודישע דערפער אויפ'ן נאַציאָנאַלען בּאָדען איז די בּעסטע שוץ-וואַנד געגען די אַנגריפען פון די ענגלישע אַדמיניסטראַטאָרען און אַראַבּישע שאָוויניסטען. וואס גרעסער עס וועט ווערען אונזער ווירטשאַפטליכער כּח אין א"י אַלץ שטאַרקער וועט ווערען דער ישוב אין א"י, וועלכער דינט אונז שוין היינט אַלס איינער פון די וויכטיגסטע יסודות אין אונזער קאַמף נישט נאָר פאַר אַ בּרייטער און אַנגעשטרענגטער עליה, נאָר אויך פאַר דער פולער פערווירקליכונג, פאַר אונזערע פרייהייטס-אידעאַלען.

די ווירקליכע אויפנאַהמס-פעהיגקייט פון לאַנד איז נישט די, וועלכע ווערט צוגעטראַכט אין דער עמיגראַציע אבּטיילונג פון דער ירושלים'ער אדמיניסטראַציע) איז אין דער גרעסטער מאָס אָבּהענגיג פון אונזער זעלבּסטשטענדיגער אַרבּייט אין א"י. ווילען מיר אַ גרויסע עליה דאַרפען מיר, פּאַראַלעל צום פּאָליטישען קאַמף, אויסבּרייטערען אויך אונזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין לאַנד, וועלכע וועלען אונז גאַראַנטירען נייע צעהנדליגער טויזענדער אַרבּייטס-פּלעצער פאַר די עליה דורשטיגע מאַסען.

די הייאָהריגע חנוכּה-אַקציע פון קרן-קימת לישראל וועט דעריבּער געפיהרט ווערען מיט'ן בּרייטסטען פערנעהם צווישען די יודישע מאַסען אין פּוילען.

ווער עס וויל געבּען אַ ווירדיגע תשובה אויף אַלע גזירות פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, טאָר זיך נישט בּעגנוגענען בּלויז מיט פּראָטעסטירען געגען אַלע עוולות, נאָר אויך אָנשטרענגען אַלע כּחות בּיים זאַמלען און שפּענדען לטובת דער קק"ל—פאַר'ן בּאָדען אויסלייז אין א"י.

אין די חנוכּה-טעג, דאַרף יעדער ציוניסט, יעדער בּעוואוסטזיניגער יוד מיטהעלפען אין דער היסטאָרישער אַרבּייט פונ'ם קק"ל, בּעטייליגענדיג זיך אין דער מאַקסימאַלסטער מאָס אין די געלד-זאַמלונגען לטובת גאולת הארץ.

דאס וועט זיין אונזער ממשות'דיגע תשובה אויף די עליה גזירות פאַר דער מאַנדאַטאַר מאַכט. ר.

פון עקראַן.

„סאבּרא“ אין קינא „עדען“

„עדען“ ווייזט אונז אין איצטיגען סעזאָן שוין דעם צווייטען יודישען פילם. דער ערשטער „דאס געזאַנג פון הארץ“, וועגען וועלכען מיר האבּען שוין געשריבּען, איז געווען נור אַדורכגעפלאָכטען מיט „יודישקייט“, דער איצטיגער אָבּער איז שוין פאַר דעם אַ הונדערט-פּראָצענטיג יודישער פילם.

דער ערשטער איז געווען א פילם מיט אַ שטאַרקער האַנדלונג, אַ סענטימענטאַלער, דער איצטיגער דאַגעגען ווייזט אונז אונטערנעמונגס-קראַפט, דויערהאַפטיגקייט און די חדוה פון שאַפען בּיי נישטדורכשניטליכער אָפּפערווילליגקייט.

מיר מוזען בּיי דער געלעגענהייט מודה זיין, אַז די יודישע פּראָדוקציע, אָדער בּעסער געזאָגט: די פּראָדוקציע פון יודישע פילמען בּעפרידיגען אונז נאָך נישט. מיר מאַכען פאָרשריט, אָבּער מיר זענען נאָך זעהר הינטערשטעליג.

די דיספּראָפּאָרץ פון אונזער טעאַטער און קינאָ איז בּעדייטענד גרעסער ווי אין דער פּוילישער קונסט. מיר ווייסען דאָך, אַז הגם דאס פּוילישע טעאַטער פערנעמט זעהר א חשוב אָרט, איז די פּוילישע פילם פּראָדוקציע לגבּי אַנדערע לענדער שטאַרק הינטערשטעליג. אַזוי איז בּיי אונזערע שכנים. בּיי אונז אָבּער א"ז נאָך מיעל ערגער: מעטראָ-גאָלדווין מייער, פאָקס און אַנדערע האבּען נישט אין זיך אונזערע שאַפונגען. אין אונזער פילם-פּראָדוקציע סיי אין יודיש סיי אין העבּרעאיש ליגט טאַקי נאָך אין די וויקעלעך.

אָבּער מיר זענען עדות פון שטייגערונג און פאָרשריט.

די פילם-פּראָדוקציע אין אונזערע צוויי שפּראַכען האט אונז שוין געגעבּען לעצטענס גאַנץ סאָלידע פילמען, ווי „אַנקעל מאָזעס“ און „סאבּרא“.

בּנוגע „סאבּרא:“

מיר האבּען ביז לעצטענס געזעהן אויפ'ן עקראַן פון א"י לעבּען אבּגעריסענע אהן שום בּינדונג בּילדלעך, פערטונקעלטע, נישט קלאָרע, אהן מאָנטאַזש.

„סאבּרא“ אָבּער בּילדעט שוין א גאַנצעס מיט א געהעריגער האַנדלונג. אמת, די האַנדלונג איז א שוואַכע, דער פילם טראַגט אַ כאַראַקטער פון אַ רעפּאָרטאַזש מיט אַ בּולט'ער פּראָפּאַגאַנדע-טענדענץ. אָבּער דאס אָרט נישט. דער פילם ווערט געזעהן מיט אינטערעס. מאַנכע סצענעס זענען דראַמאַטיש זעהר שטאַרק און מאַכען אַ רושם אויפ'ן צושויער.

געוויסע מאָמענטען דערמאָנען אָן די סאָוויעטישע פילמען, הגם זיי קומען ארויס מיט ווייניגער ווייכקייט, און סובּטעלקייט, צו וועלכען די רוסען זענען בּעזונדערס פעהיג.

מיר קוקען זיך צו די איבּערמענשליכע אָנשטרענגונגען פון יחידים, וואס פערוואַנדלען זאַמד און וויסטעניש אין פרוכטבּאַרער ערד; מיר זענען עדות פון זייערע ספקות און נאָגענדען יאוש; מיר זעהען דערנאָך דעם נצחון פון דויערהאַפטיגקייט, און געדולד, אהן וועלכעס קיין שום גרויסע זאַך קאָן נישט געטהון ווערען, און צום סוף די חדות-היצירה!

דער פילם דאַרף געזעהן ווערען דורכ'ן גאַנצען יודישען עולם.

פ. ב—ץ.

א גרויסער חנוכה-אָווענד פון דעם יודישען גימנאַזיום.

ווי מען אינפאָרמירט אונז גרייט צו דאס יודישע גימנאַזיום אַ גראַנדיעזע חנוכה פייערונג. דער אָווענד קומט פאָר מאָנטאָג, דעם 18 דעצעמבּער אין דעם זאַל פון קינאָ „לונאַ“.

אין דעם דראַמאַטיש-וואָקאַלישען טייל פון דעם פּראָגראַם וועלען די תלמידים אויספיהרען א העבּרעאישע אינסצעניזאַציע פון ד. פרישמאַנ'ס „המשיח“. אין דער פּוילישער שפּראַך ווערט צוגעגרייט אַ שפּאַנענדע דראַמע פון דעם יודישען לעבּען. מוזיקאַלישע נומערן און אויך א הערליכע בּאַלעט אויספיהרונג פערפולשטענדיגען דעם רייכען פּראָגראַם פון דעם אָווענד.

נאָך דעם אָפיציעלען טייל קומט פאָר א טאַנץ-פערוויילונג.

צוליב דעם וואס די פייערונג ווערט איינגעאָרדענט אין דעם גרויסען און בּעקוועמען לאָקאַל פון קינאָ „לונא“ איז די פעראינטערעסירונג מיט דעם אָווענד זעהר גרויס.

א תלמידה פון דעם יודישען גימנאַזיום געווינט דעם קאָנקורס פון ק. ק. א.

דעם קאָנקורס אויף דעם בּעסטען חבור וועגען שפּאַרזאַמקייט האט געווינען די תלמידה פון דער 7 קלאַס פון דעם יוד. געז. גימנאַזיום פרל. שיין שרה.

פרל. שיין איז בּעלויגט געוואָרען מיט אַ פּרעמיע פון ק. ק. אָ.

בּלימעל-טאג לטובת „קרן החלוץ המזרחי“.

ווי מיר ווערען געוואויר, אָרדענט איין דער „חלוץ המזרחי“ מיטוואָך, דעם 20-טען ד. ח. אַ בּלימעל-טאג לטובת דעם פאָנד פאַר דער עמיגראַציע פון רעליגיעז-נאַציאָנאַלע חלוצים קיין ארץ ישראל.

עס אונטערליגט קיין שום ספק נישט, אַז די היגע יודישע בּעפעלקערונג וועט שטאַרק אונטערשטיצען דעם דאַזיגען בּלימעל-טאג.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בּעוועגונג.

שבת, דעם 16-טען ד. ח. 11 פאַרמיטאַג קומט פאָר די וועכענטליכע פערזאַמלונג פון בּרית הצה"ר. שבת, דעם 16 8 אָווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון בּית"ר (אַלעע קאָשציושקי 16) אַ פּראָטעסט מיטינג געגען די לעצטע גזירות פון די ענגלישע מאַנדאַטען-מאַכט. איינגאַנג פאַר חברים און סימפּאַטיקער.

דעם 1-טען יאַנואַר הויבּען זיך אָן בּיים היגען בּרית-הצה"ר העבּרעאישע אָווענד קורסען פאַר אנפענגער. איינשרייבּונגען ווערען אָנגענומען יעדען טאג פון 8 ביז 10 אָווענד.

דער רעוויזיאָניסטישער ספּאָרט-קלוב „נורדיה“ ענטוויקעלט זיך זעהר שעהן און וועט אין קורצען אויפטרעטען מיט איין פינג-פּאָנג-מעטש. עס ווערען אויך אָרגאַניזירט בּאָקס און פוטבּאַל סעקציעס.

פון דער יודענשטאַטס פּאַרטיי.

פרייטאַג דעם 15 ד. מ. 7.30 אָווענד קומט פאַר אַ שיחת חברים אויף וועלכען אַלע חברים ות ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פּונקטליך.

שבת, דעם 16 ד. מ. 9 אָווענד קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל אַ טעע-אָווענד פאַר חברים און סימפּאַטיקער.

מיר מעלדען דאס די העבּרעאישע קורסען קומען פאַר 2 מאָל וועכענטליך אין 2 גרופּען. איינשרייבּונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט בּערקאַ-יאָסעלעוויטשא 9.

מאָנטאָג, דעם 18 ד. מ. 9 אָווענד קומט פאַר אַ רעפעראַט געהאַלטען דורך ח' נ. ליבּערמאַן. אַלע חברים-ות ווערען אייפגעפאָדערט צו קומען פּונקטליך.

פון „בּרוריה“.

זונטאַג, דעם 5-טען טאג חנוכה, 8 אַ זייגער אָווענד, קומט-פאַר אין לאָקאַל פון „מזרחי“ א נשף-חנוכה מיט אַ רייכען פּראָגראַם. נאָכ'ן נשף—א גלעזעל טהיי.

חברות און סימפּאַטיקער ווערען געבּעטען צו קומען.

די נאָהענטסטע אויספלוגען פון זש-טע-קאַ.

1) א 4 טעגיגער אויספלוג נאָך זאַקאָפּאַנע קומט פאַר פון 23-טען ביז'ן 27-טען דעצעמבּער.

2) פון 24-טען דעצעמבּער ביז דעם 5-טען יאַנואַר אַנ'אויספלוג נאָך טשעכען—די אנטיילנעמער וועלען בּעזוכען פּראַג, קאַרלסבּאַד, מאַריענבּאַד און אַנדערע זעהונגסווירדיגקייטען פון פּראַג.

3) אַנ'אויספלוג נאָך פּאַלעסטינאַ.

4) עס ווערען אויך טעטיג די אַברוזה קאָלאָניעס אין זאַקאָפּאַנע און שרודבּארוב.

אינפאָרמאַציעס ערטיילט און איינשרייבּונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט אַלעע קאָשציושקי 16 פון 9 ביז 10 אָווענד.

על הנסים.

חנוכה פעליעטאָן.

דער נס חנוכה, וואס איז געשעהען מיט העכער צוויי טויזענד יאָהר צוריק, ווערט נאָך ביז'ן היינטיגען טאג ביי יודען פערהערליכט; לזכרון צינדט מען אָן די אַכט ליכטלעך, וועלכע דערצעהלען, ווי אזוי די גריכען האבּען אין יענער צייט געוואָלט אומבּרענגען דעם יודישען דת, פעראומרייניגט דאס יודישע גלויבען, און אז דאס קליינע הייפעל יודישע גבּורים, וועלכע האבּען זיך אין דער עת צרה פעראייניגט, האבּען גובר געווען די גרויסע צאהל יודישע שונאים און צוריקגעשטעלט דעם יודישען כבוד.

אייגענטליך, אין וואס איז בּעשטאַנען דער נס, וועמענס אנדענקען ווערט אבּגעהיטען דורך יידען, אזוי פיעל טויזענדער יאהרען? צי איז באמת דער גרעסטער נס דאס וואס דאס קריגעל אייל, וועלכעס מען האט געפונען, האט אנשטאַט איין טאג געבּרענט גאַנצע אכט טאג? דאס לאַזט זיך גאַרנישט גלויבען, עס האט געמוזט זיין א טיפערע סיבּה, צוליב וועלכער דאס יודישע פאָלק קאָן דעם נס נישט פערגעסען ביז'ן היינטיגען טאג.

ווען מיר קוקען זיך אַרום, ווי אזוי מיר זעהען היינט אויס, הויבּט מען אָן צו פערשטעהען דעם גרויסען נס, וואס איז דאמאלס געשעהן.

נעמען מיר אונזער יודיש לעבּען. צוריסען און צושפּליטערט אויף טויזענדער שטיקער, ס'איז שוין אַן'אָנגענומענער כלל, אַז טאָמער קומען זיך צונויף 8 יודען, זענען דאַ צוועלף דעות....

ווייזט מיר איין קהלה אין פּוילען, וואו אַלע זאָלען אַרבּייטען צוזאַמען. מחלוקת און קריגערייען איבּער נישטיגע נאַרישקייטען און דעם עיקר פערגעסט מען דערוויל.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואס וויל און שטרעבּט מיט אַלע כּחות צוריק אויפצולעבּען דאס יודישע לאַנד, איז אַזוי צוריסען צווישען זיך, אַז טאָמער קומט עמיצער און וויל רעדען א וואָרט וועגען פעראייניגונג, קוקט מען אויף איהם, ווי אויף אַ משוגענעם. און טאָמער האט זיך עמיצער ארויסגעכאַפּט אַ וואָרט, אז צוליב דער עליה-גזירה דאַרף מען זיך בעמיהען אַז ס'זאָל קומען צו אַן'אחדות צווישען אַלע 22 ציוניסטישע ריכטונגען, אנהויבּענדיג פון זשאַבּאָטינסקי'ן ביז בן גוריון, האט מען עס באַלד צומארגענס אבּגעלייקענט—אז גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אז קיינער האט זיך נישט ערלויבּט צו טראַכטען וועגען אַזאַ אויסטערלישען אבסורד...

איהר פערשטעהט, טאָמער איז עמיצען יאָ איינגעפאַלען, אז אין אַזאַ צייט, ווען פון איין זייט שטעהט דער דייטשער עמלק און וויל אויסראָטען דאס יודישע פאָלק מיט'ן שורש, און פון דער צווייטער זייט פיהרט ווידער ענגלאַנד אַ פּאָליטיק אונז צו דערנידריגען און נישט דערלויבּען אונז אַריין אין לאַנד פון אונזער פערגאַנגענהייט און צוקונפט—טאָמער האט עמיץ געגעבּען אַ פאָרשלאַג וועגען פעראייניגען אַלע יודישע כּחות, איז מען אויף איהם אַנגעפאַלען, ווי יענער וואָלט מי יודע וואס פאַר אַ פערבּרעכען בּעגאַנגען, און יענער האט עס טאַקע באַלד צומאָרגענס אָבּגעלייקענט.

אין די קליינהענדלער-און סוחרים-קרייזען וויל איינער דעם צווייטען דעם ביסען פון מויל ארויסרייסען, און ווען עס געהט נישט אויפ'ן כּשר'ן וועג, בּענוצט מען זיך מיט טריפה'נע מיטלען. דאס זעלבּע איז אויך אויף אנדערע געבּיעטען.

איין מאָל, פאַר טויזענדער יאהרען, האט געטראָפען א מעשה, וואס בעת דער שונא האט בּעדראָהט די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען פון יודישען פאָלק, האבּען זיך אַלע יודישע פּאַרטייען דאָך פעראייניגט, זיך אַקעגענגעשטעלט דעם שונא. און איהם טאַקע בּעזיגט און דעם דאַזיגען נס קאָן מען ביז היינט נישט פערגעסען.

אמת, מיר האבּען היינט אויך נסים... א נס איז, וואס חנוכה געדויערט נישט מעהר, ווי אַכט טעג, און די פערשידענע געזעלשאַפטען און אינסטיטוציעס קאָנען נישט מעהר זאַמלען געלד נאָר אין די דאַזיגע אַכט טעג... אַ גרויסער נס איז אויך, וואס חנוכה פאַלט אויס אין ווינטער און מען קאָן נישט מאַכען קיין בּלימעל-טעג... נאָך אַ נס איז, וואס די פויערים ברענגען קויהלען אויף די פיהרלעך און אויך אַן'ארימאַן קאָן זיך פערגינען צו קויפען אַ שטיקעל קויהל... און א גרויסער נס איז, וואס זינט מיר פרעסען זיך איינער דעם אנדערען, פונדעסטוועגען לעבּט מען נאָך...

דאס איז אָבּער, אַלץ נאָר א מליצה. פאַקטיש אָבּער בּעשטעהט דער נס פון חנוכה דערין, וואס ביי דעם עם קשה עורף האט געקאָנט פּאַסירען אַזאַ אויסטערלישע געשעהעניש, אזא וואונדערבּארער נס אז יודען האבּען זיך פעראייניגט.

פון דאמאלס אָן ביז היינט איז, ווי עס ווייזט זיך אויס, נאָך אַזאַ נס נישט געשעהן, דאריבּער קאָן מען אַלץ נאָך נישט פערגעסען יענעם נס, און אלס אנדענקען פון דאמאלס צינדט מען אָן די יאהר-צייט ליכטלעך, וועלכע סימבּאָליזירען אַכט, וואס איז משמע אז נאָר אַכט טאָג האט געדויערט דאס נס פון פעראייניגונג. שפּעטער אָבּער האבּען זיי זיך ווידער צוריסען און אַזוי דויערט עס ביז'ן היינטיגען טאג.

מיר פייערען נאָך אַלץ יענעם נס. אפשר וועט דאָך קומען דער גרויסער ערוואַרטעטער נס, אז אויך היינט זאָלען זיך די יודען ענדליך פעראייניגען. עס איז אַ שעת הכּושר.—פון איין זייט היטלער, פון דער אנדערער זייט ענגלאַנד און ארום און ארום זענען מיר אַרומגערינגעלט מיט שונאים, וואס ווילען דאס זעלבּע טהון, וואס אמאל די גריכען. אפשר וועט ווידער געשעהן דער וואונדערליכער נס פון א פעראייניגונג פון אַלע יודען.

נישט גענוג אָבּער בּלויז מיט יענעם נס. ס'איז שוין הויכע צייט, אַז מיר זאָלען פייערען דעם היינטיגען נס, וואס דאַרף און מוז געשעהן, אז נישט זענען מיר חלילה פערלוירען.

ווען אַזאַ נס וועט געשעהן, וועלען מיר אויך, אזוי ווי אונזערע עלטערן קאָנען גובר זיין די שונאים און מען וועט קאָנען פייערען און זאגען דעם אמת'ן ע ל ה נ ס י ם.

סמאל.

Dr. med.
I. SZPERLING
choroby chirurgiczne
B. Joselewicza 6,
tel. 10-29.
Godziny przyjęć: od 1—2
i 4—7.

חנוכּה קאָנצערטען.

אין משך פון די חנוכּה-טעג קומט פאָר אין אונזער שטאדט פאָלגענדע חנוכּה קאָנצערטען

אין דער שטאדט-שוהל

זונטאג דעם 17-טען ד. ח. צום 6-טען חנוכּה ליכטעל 6 א זייגער אווענד קומט פאָר א קאָנצערט מיט דער בעטייליגונג פון שטאדט-חזן ה' יוסף באַדאַש און כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' ראָטענבערג.

דער פראָגראם איז זעהר א רייכער און עס איז מעהר ווי זיכער, אַז דער יודישערעולם וועט גערן קומען אויף דעם זעהר אינטערעסאַנטען חנוכּה קאָנצערט.

אין זאַל פון „מכּבּי"

דינסטאג, דעם 19-טען ד. ח. זאת חנוכּה ווערט איינגעאָרדענט אין זאַל פון „מכּבּי" אַ גראַנדיעזער חנוכּה קאָנצערט מיט אַ רייכען ליטעראַרישען קינסטלערישען פראָגראַם.

דער קאָנצערט האט אַרויסגערופען גרויס פעראינטערעסירונג און די בילעטען ווערען ממש אויסגעכאַפּט.

די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאַר די גמילות-חסד-קאסע אַגראַדאָווע 6.

פון „ברית החיל".

עס ווערט מיטגעטיילט דאס דער סעקרעטאריאט פון „ברית-החיל" איז אָפען יעדען טאג פון 9—7 אווענד.

עס ווערען אויך אָנגענומען נייע איינשרייבונגען פון מיטגלידער.

די פעראינטערעסירטע פערזאָנען דאַרפען מיטברענגען מיט זיך אַלע מיליטערישע דאָקומענטען.

באַראַנאָוו - היים קאַפערניקא 11.

שבּת, דעם 16 דעצעמבער 1933 י. פונקט. 3.30 נאכמ. קומט פאַר א חברים שמועס צום 16-טען יאהרצייט פון בער באַראַכאָוו. אלע חברים ווערען געבעטען צו קומען. איינגאנג פאַר חברים אויך מיטגלידער פון דער ליגע.

פון בית"ר.

פויריגען דינסטאג איז פאָרגעקומען ביים היגען בית"ר א פייערליכע אסיפת הקן געווידמעט דעם איבערנעמען די פיזישע אַרבייט אין קן דורך דער קאָמענדע פון ברית החיל. די אסיפה עפענט דער אח מפקד משה זעלצער ער ווייזט דערביי אָן אויף די נויטווענדיגקייט פון פערשטאַרקען דעם פיזישען געביט אין יעצטיגען מאָמענט. עס רעדען נאָך די ה"ה: קאָמענדאַנט קראַקאָוויאַק און פאַר. הויפטמאַן, וועלכע פערזיכערען דעם היגען קן אוועקצושטעלען אויף אַ הויכען מיליטערישען ניוואָ. מיט'ן געזאנג פון בשוב ד' ווערט די אסיפה פערענדיגט.

לעצטענס ווערען געמאַכט פיבערהאפטע צוגרייטונגען צו די 10 יעהריגען יובילעאום פייערליכקייטען פון דער עגזיסטענץ פון אלוועלטליכען בית"ר און 5 יאהר פון טשענסטאכאָווער בית"ר.

א פאהן ענטהילונג אין ברקאי.

שבת, דעם 16 ד. מ. 8.30 אָווענד קומט פאָר אַ פייערליכע פאָהן-ענטהילונג פון דער כּיתה „מכבי" ביים היגען קן פון ברית הקנאים.

דער היגער קן פון ברקאי ענטוויקעלט זיך אין אַ שנעלען טעמפּאָ, עס ווערט געפיהרט אַ בריים-פערצווייגטע קולטורעלע אַרבייט ווי אויך קומען פאַר 3 מאָל וועכענטליך העברעאישע קורסען. וויטערדיגע איינשרייבונגען פון פרישע מיטגלידער נעמט אָן די מפקדה פון ברקאי טעגליך פון 7.30 ביז 9 אווענד חוץ פרייטאג אין איי־גענעם לאָקאַל בערקא יאָסעלעוויטשא 9.

פון י.ט.ס.פ. „מכּבּי".

גראַנדיעזער חנוכּה-באַל פון „מכּבּי"

מאָרגען שבת-צו נאַכטס, דעם 16-טען ד. ח. קומט פאר אין זאַל פון „מכּבּי", אויף קאַטעדראַלנע 13, אַ גראַנדיעזער חנוכּה-באַל. עס זענען פאראויסגעזעהען אַ רייהע אינטערעסאַנטע אטראקציעס, ווי א טאַנץ-קאָנקורס, וואַהלען פון א קעניגין פון „מכּבּי", פאַנטען-לאָטעריע א. א. די הכנסה איז בעשטימט אויפ'ן פאָנד צו בויען א ספּאָרט-סטאַדיאָן פאר'ן פעראיין.

צוליעב דער פּאָפּולאַריטעט פון „מכּבּי" און צוליעב דעם וויכטיגען צוועק, פאר וועלכען די הכנסה איז בעשטימט, רופט דער פארשטעהענדער באַל אַרויס א גרויסע פעראינטערעסירונג ביי דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

רעפעראַט פון ד"ר לאַזער וועגען חנוכּה.

היינט, פרייטאג, דעם 15 ד. ח. וועט ד"ר לאַזער האַלטען אין לאקאַל פון „מכּבּי" (קאַטעדראַלנע 13) אַ רעפעראַט אויף דאס טעמא: „חנוכּה — דער יום-טוֹב פון מכבים".

פאר מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט און אריינגעפיהרטע דורך זיי געסט — איינגאַנג פריי.

יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מכּבּי"

מיטוואָך, דעם 20 ד. ח. 7 א זייגער אָווענד קומט פאר אין לאקאל פון „מכּבּי", קאַטעדראַלנע 13, די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט.

די טעטיגקייט פון דער פינג-פאָנג-סעקציע.

די פינג-פאָנג-סעקציע פון „מכּבּי" נעמט לעצטענס אַנטייל אין א רייהע מעטשען מיט פערשידענע ספּאָרט-קלובען. דעם פערגאַנגענעם שבת האט זי אָבגעהאַלטען א זיעג איבער'ן ספּאָרט-קלוב „בליסקאָוויצא", זונטאג האט זי פערשפּילט אין ראַדאָמסק א מעטש מיט'ן דאָרטיגען „הכּח".

מאָרגען שבת שפּיעלט זי ווידער מיט'ן היגען ס. ק. „גוויאַזדאַ".

האָסטו שוין געזעהען דעם ארץ-ישראל-פילם „סאַבּראַ" אין קינא „עדען"?

יעדער פון אונז האט נישט וועניג געהערט און געלעזען וועגען דער גרויסער מסירת-נפש'דיגער אַרבייט פון די ערשטע חלוצים אין ארץ-ישראל. אָבער ערשט, זעהענדיג אין קינא „עדען" דעם קלאַנג פילם „ס אַ ב ר אַ" (גערעדט און געזינגען אין העברעאיש, פּויליש און אראַביש) שאַפט מען זיך אַ בילד פון דעם אונגעוועהנליכען העראיזם פון אונזערע חלוצים, וועלכע זענען אין קליינע הייפעלעך געקומען אין א וויסט לאַנד, וואו זיי האבען געמוזט קעמפען מיט טויזענדער שוועריגקייטען מצד דער נאַטור, מענשען און אייגענעם יאוש און דאָך זענען זיי, א דאַנק זייער שטאַרקען ווילען און אידעאַל, פייגעקומען אַלע שטערונגען, פערוואַנדלענדיג שטיינערדיגען באָדען אין א בליהענד לאַנד.

דער דאָזיגער פילם דאַרף געזעהען ווערען דורך יונג און אַלט. אויסער „סאַבּראַ" ווערען אויך דעמאָנסטרירט די „מכּבּי'אדע" און דער „מזרח-יריד" אין תל-אביב, ווי אויך ארץ-ישראל-כראָניק.

מעלדונג

דערמיט מעלדען מיר אַלע האַנדווערקער, אַז דער פריזירער שמואל יעדלינסקי קאַטעדראַלנע נר. 3 איז פאַר ברענגען שאַדען דעם פאַך און נישט אויספיהרען די בעשלוסען פון פריזירער-צעך אויסגעשלאָסען געוואָרען אלס מיטגליד פון פריזירער-צעך לויט'ן פאַראַגראַף 11, פונקט 2 פון צעכען-געזעץ.

די אויבענדערמאַנטע מעלדונג דאַרף פון יעדען האַנדווערקער גענומען ווערען אין אכט.

פערוואַלטונג פון **פריזירער-צעך**
אין טשענסטאכאוו.

אויספאָדערונג

איך פאָדער אויף די געברידער פאַקטאָר און יעקל ראָזענבערג וואַרשאַווסקא 57 זיי זאָלען מיך ערלעדיגען דורכ'ן ראבינאט אָדער דורך מענשען איך זאָל נישט דאַרפען אַרויסטרעטען יורידיש.

יצחק חאָדע

קלאַנג - קינאָ
„STYLOWY"
2 אלעע 27 — טעל. 1574.

דער גרעסטער פאַראַמאָונט-פילם וועגען ליידענשאַפט, ליעבע און מענשליכער נקמה

ZGUBNY CZAR
(Przedwczesna miłość)
מיט דער געניאַלער **מיריאַם האָפּקינסאָן**
און דעם דעמאָנישען **דזשעק לאַרו.**
איבער'ן פראָגראַם: קלאַנג - צוגאָבען.

שבת און זונטאג 12-30 מיטאָג
Rozkoszne kłopoty
מיט **מאָריס שעוואַליע.**

„ATLANTIC"
אַגראַדאָווע 14.

גרויסער דאָפּעלטער פראָגראַם!
קאַרל דער 12-טער
פרעכטיגער היסטאָרישער פילם מיט געסטאַ
עקמאַן און מ. סעווערסקי
דאָפּעלטער שפּיל
(קאָוובאָי - פילם מיט באָב קאַסטער)
פרייזען פון 25 גראָשען.

URODONAL
Zwalcza
reumatyzm
podagrę
piasek
sklerozę

czyści nerki
oczyszcza
wątrobę
i stawy
łagodzi
arterje
i zwalcza
otyłość
Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo **Warszawa, Fredry 4.**

קימפּעטאָרין-אָבטיילונג ביים יודישען שפּיטאָל.

מיר מאַכען בעקאַנט, אַז

אין יודישען שפּיטאָל איז געעפענט געוואָרען אַן'אָבטיילונג פאַר קימפּעטאָרינס

אונטער דער אויפזיכט פון די דאָקטוירים אין אַ ספּעציעל - אַנגאַזשירטע אַקושערין-ספּעציאַליסטין.

די קימפּעט קאָסטען און אויפענטהאַלט איז צוגענגליך פאַר די ברייטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

דאס יודישע שפּיטאָל אין טשענסטאָכאָוו.

מאָרגען, מוצש"ק דעם 4-טען טאָג חנוכּה, 8 אַ זייגער אָווענד
קומט פאָר אין **פּרושיצקי'ס שוהל, אַלעע 1**

אַ מוזיקאַליש - ליטעראַרישער חנוכּה - אָווענד

מיט דער בעטייליגונג פון אַן'אייגענעם גוט-איינגעשטודירטען **כאָר** אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען טאַלאַנטפולען דיריגענט ה' ראָטענבערג. פּרעזעס פון „מזרחי" ר' **יוסף שמעון קאַפּלינץ**
וועט האַלטען א רעפעראַט א. ד. ט.: „די בעדייטונג פון „חנוכּה".
די קליינע צאָהל איבערגעבליבענע בילעטען צו בעקומען ביי ה' י. פיק, אלעע 6.

„גמילות - חסד", טשענסטאָכאָוו, אַגראַדאָווע 6.

דינסטאג, ד. 19 ד. ח. **זאת חנוכּה** קומט פאַר אין **„מכּבּי" - זאַל,** קאַטעדראַלנע נר. 13

א גראַנדיעזער חנוכּה=אווענד

מיט א זעהר רייכען ליטעראַריש - קינסטלערישען פּראָגראַם ווי:
סקעטשען, רעציטאַציעס, פּאַראָדיעס, מאָנאָלאָגען
אויסגעפיהרט דורך די בעסטע היגע און ספּעציעל אנגאַזשירטע אַרטיסטישע כּוחות.
די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט פאר דער „גמילות-חסד-קאַסע".
בילעטען צו בעקומען א גאַנצען טאָג אין דער קאַסע פון זאַל.

Chłopiec ryzykuje swoje spodnie dla jednego jabłka. Ale przezorna Pani domu nie naraża swej bielizny, by zaoszczędzić 20 groszy na mydle. Jeżeli Szanownej Pani zależy istotnie na trwałości swej bielizny, to winna Pani prać ją tylko mydłem „Kołłontay z pralką". Mydło to, łagodne i zawierające glicerynę, jest nader oszczędnem w użyciu i chroni Waszą drogą bieliznę. Niech Szanowna Pani nie wdaje się w eksperymenty z innemi mydłami, nawet gdyby były nieco tańsze. Ryzyko bowiem zbyt wielkie, a oszczędność wykluczona. Mydło „Kołłontay z pralką" jest zawsze tańsze, bo jest lepsze...

Mydło **kołłontay**
z pralką jest lepsze....
Prosimy zważać na znak ochron. „PRALKA"

„הבּימה" אין טשענסטאָכאָוו!

דער פּרעכטיגער פילם - עפּאָס **סאַבּראַ**

אויסגעפיהרט אין דער העברעאישער, פּוילישער און אַראַבישער שפּראַך, וואָס אילוסטרירט דאס לעבען און קאַמפּען פון די פּיאָנערען פון יודישען ישוב אין פּאַלעסטינאַ.

אין די הויפּט-ראָלען: די שוישפּילער פון דעם בעריהמטען אויף דער גאַנצער וועלט **הבּימה**

חנה ראווינאַ, ע. בערטאָנאָף, א. מעסקין א. א.

ווערט דעמאָנסטרירט היינט און ווייטערע טעג אין קלאַנג-קינאָ **„EDEN", Aleja 12**

פרייזען פון 54 גראָשען אָן.

קלאַנג-קינאָ **„לובאַ"**. היינט דאָנערשטאָג, דעם 14-טען ד. ח. און ווייטערע טעג לטובת דער גנז. „ט אָ ז".

די גרעסטע פילם - סענסאַציע פון אונזער צייט!
ערשטער 100-פּראָצענטיגער רעדענדיגער און זינגענדיגער פילם אין דער יודישער שפּראַך, העררליכע ביבלישע טראַגעדיע

„יוסף אין מצרים"

„כל נדרי"

אויסער'ן פּראָגראַם וועט דער בעקאַנטער ניו-יאָרקער אויבער-קאַנטאָר **וואַלדמאַן** מיט זיין גרויסען כאָר זינגען

אָנהויב פון די סעאַנסען: 4 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג 12-30 מיטאָג.